TOWER HAMLETS LIBRARIES
LOCAL HISTORY LIBRARY
No. LC. 1035/11 870
165

# לשון און לעבן

חודש-זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור

נומער 2 (העפט 169) פופצנטער יאָרגאַנג פעברואַר 1954 לאָנדאָן

רעדאַקטירט פון א. נ. שטענצל

## אינהאַלט:

אַקטועל... (1 : אונזער קולטור ניוואָ דאָ, 2 : אונזער געזעלשאַפטלעכער מצב) °° 1
צוויי דיכטער (ליד) ........ בן־א. סאָכאַטשעווסקי 5
דער קלאַפּ אין טויער פון גוט, איבער משלים, אַ קליין משל, אַוועק פון דאַנען (מיניאַטורן) פראַנץ קאַפקאַ 6
וואָס איז אַ פּאָן דען ? (ליד) ........ יוסף הלל לעווי 9
„דיעטע“ (הומאָרעסקע) ........ שמואל וווהייט 10
דאָס קוועלעכל (ליד) ........ איציק פאַנער 12
דעם רבינס צענערל (דערציילונג, המשך) ........ י. ביעטש 13
ווינטער לידער, די „ביג־פאָור“־קאָנפערענץ אין בערלין (צייט־ליד) א. נ. שטענצל 18
זכרונות וועגן סעגאַלאָוויטשן ........ משה דאָמב 22
כ׳בין רואיק און גרייט (פּאָעמע) ........ אברהם לעוו 25
ווי איך האָב געהאָלפן מאַכן דעם פלאַן פון ערשטן הויז אין תל אביב ה. פינקלשטיין 27
אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג פון פריינט פון יידיש לשון (באַריכט) ........ נ. רובין 29
יידישע קולטור ־ כראָניק ........ 31
לאָנדאָנער ידיעות ........ 32
רעדאַקציע־נאָטיץ ........ 32
יידיש־ליטעראַרישע שבת־נאָכמיטאָגס ........ 32

**פרייז 1 שילינג און 6 פּענס**

**אַבאָנענט־פרייז :—19/6 פאַר אַ יאָר**

**אין אויסלאַנד :—5 דאָלאַר אַ יאָר**

אַדרעס פון רעדאַקציע און אַדמיניסטראַציע :—
"LOSHN UN LEBN," 17 Delamare Buildings,
Collingwood Street, London, E.1. England

## 30־טע יאָרצייט נאָך בעל־מחשבות

דעם 13־טן יאַנואַר, היי־יאָר, איז געוואָרן 30 יאָר ווי ס׳איז געשטאָרבן דער באַרימטער יידישער ליטעראַטור־קריטיקער, ד״ר ישראל עליאַשאָוו (בעל־מחשבות), וועלכער איז, קאָן מען זאָגן, געווען דער ערשטער, וועלכער האָט אַרויפגעבראַכט די יידישע ליטעראַטור־קריטיק אויף אַ העכערער מדרגה און איר געגעבן אַן אייראָפּעאישן חותם.

ד״ר עליאַשאָוו איז געבוירן אין קאָוונע דעם 13־טן סעפּטעמבער, 1873 און איז געשטאָרבן דעם 13־טן יאַנואַר, 1924 אינם עלטער פון 51 יאָר.

## דאָס 100־טע בוך פונם פאַרלאַג „דאָס פּוילישע יידנטום“

אין די קומענדיקע חדשים וועט אינם פאַרלאַג „דאָס פּוילישע יידנטום“ אין בוענאָס־איירעס, דערשיינען דאָס הונדערטסטע בוך! אַ רעקאָרד צאָל אין משך פון די לעצטע 10 יאָר, זינט דער פאַרלאַג (אונטער דער ענערגישער לייטונג פון מאַרק טורקאָוו און מ. מיטלבערג) האָט אָנגעהויבן מיט זיין טעטיקייט.

## אַ נייער פאַרלאַג „קיום“ אין אַרגענטינע

די פּועלי־ציון פּאַרטיי אין בוענאָס־איירעס האָט געגרינדעט אַ פאַרלאַג א.נ. „קיום“, וואָס וועט אַרויסגעבן אין יידיש די וויכטיקסטע שאַפונגען פון די פּועלי־ציון טעאָרעטיקער און מנהיגים. אַלס לייטער פון דעם „קיום“־פאַרלאַג איז באַשטימט געוואָרן דער באַקאַנטער דיכטער שמערקע קאַטשערגינסקי.


פ ר י י נ ט  פ ו ן  י י ד י ש  ל ש ו ן

דינסטיק, דעם 23־טן פעברואַר, 7.30

אין אַדלער האַל, אַדלער סטריט, א.1

אַ  פ אָ ל ק ס  ק אָ נ צ ע ר ט

דער גוט באַקאַנטער און באַליבטער אַקטיאָר

י ו ד ל  ג אָ ל ד ב ע ר ג

וועט זינגען פאָלקס לידער און לידער פון געבירטיק א.אַ.

עס וועלן זיך נאָך באַטייליקן אַנדערע באַקאַנטע קינסטלער.

איינטריט 1/6, 2/6.

קומט אין מאַסן.

**ווערט א מיטגליד פון „פריינט פון יידיש־לשון“**

קומט צו די יידיש ליטעראַרישע שבת נאָכמיטאָגס



TOWER HAMLETS LIBRARIES


# לשון און לעבן


**חודש־זשורנאַל פאַר ליטעראַטור, טעאַטער, קונסט און קולטור.**

נומער 2 (העפט 169) | פופצנטער יאָרגאַנג | פעברואַר 1954 לאָנדאָן


## אַקטועלס...

### 1. אונזער קולטור ניוואָ דאָ

אויב ס׳איז נאָך נויטיק געווען אַ לעצטער באַווייז פאַר דער קולטורלאָזיקייט און גייסטיקער אָפּגעלאָזנקייט פון אונזער יידישן ישוב דאָ, האָבן מיר אים געהאַט מיט זיין גאַנצן ראָזמאַך און פאַרנעם אין דער „וואָך פאַרן יידישן בוך“. און בעיקר בולט און אויסגעשטאַטעט האָט ער זיך אַרויסגעוויזן דער ירידה־באַווייז אויף דעם אויסשטעלונג־יאַריד, וועלכער איז פאַראַנשטאַלטעט געוואָרן מיט די געמיינשאַפטלעכע כוחות און אָנשטרענג פון אַלע גייסטלעכע און גייסטיקע אינסטיטוציעס, געזעלשאַפטלעכע און קולטורעלע.

די מאַשין, אַ גוט געשמירטע, האָט געאַרבעט מיט דאַמף! פונם לעצטן שמש ביז צום העכסטן פּרעזידענט האָבן אונטערגעשטעלט אַ פּלייצע, די פּאַרע איז געגאַנגען ביז צו דער העכסטער באַנק און ס׳איז אַרויס — די גאַנצע נאַקעטקייט.

באמת אַ „פּאַקנטרעגער“, אַ גייער פון שטעטל צו שטעטל, וואָס האָט אויסגעלייגט זיין ביסל רומ״ל־ספרים אין אַ ווינקל אין בית־מדרש באַנק האָט מער באַטרעף און גייסטיקע ווירקונג און פאַרנעם.

שלאָגן דעם רעקאָרד האָט מען געוואָלט מיט דעם מיש־מאַש־טיש אויף אַלע שבעים־לשונות וועלכע האָט זיך גערופן „חורבן־ליטעראַטור“.

דאָס שלאָג־וואָרט האָט גערוישט איבערן זאַל, ממש ווי עפּעס אַ נייער קונסט־ און ליטעראַטור־פאָרעם: כורבאַניזם? אורבאַניזם?

די מאַשין האָט געקלאַפּט! אָבער געווען איז עס סך־הכל אַ כאַאָס פון דאָקומענטן וואָס וועלן אפשר זיין ווי מאַטעריאַל פאַר ליטעראַטור.

פון די יידישע ביכער אָבער, וועלכע האָבן שוין דערגרייכט אַ ליטעראַרישע מדרגה און קינסטלערישע שלימות צו פאָרמען די חורבן־עפּאָכע, און פּאָעזיע און פּראָזע, פון די יידישע ביכער האָט מען אויף דעם מיש־מאַש־טיש קוים עפּעס געזען.

דעם תוהו־ובוהו אויף דער העברעאישער אָפּטיילונג קאָן מען זיך לייכט פאָרשטעלן! אָנהויבנדיק נאָך פון פאַר מעשה־בראשית, מיט כל־ערליי תנ״כן און בייבלען און ביבלען, מיטן ערד פאַרלאַג און אַ באַרג הרב קוק אויסגאַבעס ביז העט צום שפּיץ: צום „ראשית דעת“ היברו צו לערנען, און דאָס אַלץ אויף איין „שולכאַן“ — עס איז ממש געווען אַ גרויס רחמנות צו קוקן!

די פּראָמינענץ איז נאַטירלעך געווען דאָס ענגליש־יידישע און דאָס יידיש־ענגלישע בוך. און אַזוי ווי ס׳איז שווער צו וויסן „הו איז הו“, וואָס איז ענגליש־

יידיש און וואָס יידיש־ענגליש, איז דאָס „דזשואיש אַדרעס־בוך" געשטאַנען אויפן פּראָמינענטסטן פּלאַץ און איבער אַלעם האָט געקיניגט דאָס „דזשואיש קוק־בוך" — עס איז געווען אַ געקעכץ אונטער דער כשרות־השגחה...

עפּעס האָט זיך דער לאָנדאָנער יידישער ייוו"אָ אויך אַריינגעקוועטשט מיט אַ טישל ווי אויף אַן „אָטפּוסט" מיט די „אייגענע" אויסגאַבעס, נאָך גרויסע אַנשטרענגונגען איז עס זיי געלונגען, אפנים, אַריינצושטעקן אַ פוס אויף דעם יאַריד דאָ און צו כאַפּן אַ שטיקל פּלאַץ, וואָרים דאָס גאַנצע טישל איז געשטאַנען אויף משקולות... זיי קאָנען זיך נאָך אַלץ נישט ענטשליסן ווו זייער פּלאַץ איז: יידיש־דזשואיש אָדער דזשואיש־יידיש.

כסדר ביי דעם שווערן וויסנשאַפטלעכן פּראָבלעם, שטייט ער אויך תמיד ביי דער זעלבער געפאַר זיך פריער אויפצולעזן, איידער ער וועט דאָס פּראָבלעם קענען לעזן — הכלל, ס'איז אויפן ייוו"אָ אויך נעבעך אַ גרויס רחמנות.

אָבער דעם נאָבעל־פּרייז דאַרף באַקומען דער „יידישער זשורנאַליסטן און שרייבער פאַראיין", פאַר זיין איבער־מענטשלעכער באַמיאונג און געוואַלטיקן אָנשטרענג אין דער לעצטער מינוט נאָך, צוזאַמענצושלעפּן דאָס ביסעלע שיימעס פון די יידישע שאַפונגען אין לאָנדאָן.

אַ שיימע פון דעם, אַ בלעטל פון יענעם. אַן אורח אין ווינקל מיט אַ פּלעט אויף שבת!... און אינגאַנצן האָט עס במחילה אויסגעזען, ווי קדחת אין אַ קליין טעפּעלע.

מיר זיינען זיך שוין לאַנג באַוווסט און ווייסן שוין צו געגוי דעם קולטור־ניוואָ פון אונזער ישוב דאָ. מיר האָבן זיך נישט ערשט גענויטיקט אין אַ באַווייז. אָבער אַז מען דערזעט אים, דעם באַווייז, אַזוי באַשיינפּערלעך און אַזוי גראָד־ליניק דורך אַלע געזעלשאַפטן און אינסטיטוציעס, ווערט עס איינעם פריש פינסטער פאַר די אויגן.

דאָ איז נישט די פראַגע פון אורזאַכן און סיבות — אויך זיי, די סיבות, זיינען אונז געגוי באַוווסט! — נאָר אַז מען זעט אַזאַ גוט־אַרבעטנדיקע מאַשין און גוט געשמירטע און וואָס זי האָט אָנגעאַרבעט, איז שוין אויך נישט קיין פראַגע באַלד, צי דאָ קאָן נאָך עפּעס געענדערט ווערן... אַז מען וויל דאָך נאָר די אויגן מיט עפּעס פאַרשמירן און די אויערן טויבלעך פאַרטומלען.

## 2. אונזער געזעלשאַפטלעכער מצב

דאָס פאַרצייכנטע איז נישט אויף אַרויסצורופן אַ דעת־הקהל, ד. ה. אַ קאָנפערענץ, וואָס זאָל באַשליסן צוזאַמענצורופן אַ צווייטע... דאָס פאַרצייכנטע דאָ איז — „למען ידעו!"

דאָס יידיש־געזעלשאַפטלעכע, וואָס גייט פאָר אין די אַנדערע באַצירקן אין לאָנדאָן, מיט דעם באַזאָרגט אונז שוין די פּרעסע מיט איר אינפאָרמאַציע־מי־שברך־נאָטיצן און שבח והודיה־רעפּאָרטן, מיט „מאמרים" און „פּיקטשעס" — וואָרים דאָס איז עס דאָך אינגאַנצן אין וואָס עס גייט! און עס גייט אַלץ טיפער און טיפער. ס'איז שוין נישט קיין מצב באַלד — עס איז שוין אַ מצבה!



אָבער דאָס וואָס עס גייט פאָר פאַר אונזערע אויגן אין דעם יידישן שטיקל ווייטשעפּל, וואָס איז נאָך פאַרבליבן, נאָך נידריקער קאָן קיין ירידה שוין נישט גיין.

אין אַ יידישער געגנט פון איבער צען טויזנט יידן, ווו די יידישע אָרעמקייט, אַזוי צו זאָגן, לעבט נאָך, זאָל זיך נישט געפינען קיין איין יידישער צענטער, אַ פאָלקס קלוב, ווו יידישע מענטשן זאָלן זיך קאָנען צוזאַמענקומען אין די לאַנגע קאַלטע ווינטער נעכט. אַזוינס איז נישט געהערט געוואָרן, מסתם, זינט יידישע ישובים עקזיסטירן.

מיר ריידן נישט אין די גרויסע מעלה־גירהדיקע ווערטער פון די קולטור־קאָנפערענצן, „עדיוקיישאָן"־קאָמיסיעס... מיר מיינען פּראָסט־פּשוט אַן אייגענע הקדש־שטוב ווו יידן זאָלן זיצן אונטערן אויוון און זיך וואַרעמען.

מיר טראַכטן שוין נישט וועגן דעם, אַז די „יונייטעד" אָדער די „פעדערייש‏אָן" זאָל זיך זאָרגן וועגן יידישע קולטור... מיר קאָנען זיי שוין צו גוט די חשובע בעלי דעות פון ביידע קהלות, וואָס דער „צד השוה שבהן" איז יידן צו באַגראָבן אויף די בית־החיימס, אַרויסלאָזן אַפּילן און קאָלעקטאָר־קלאַפּערס איבער יידישע טירן.

אין דער היים, אין קלענסטן יידישן שטעטל, אין דער אָרעמסטער קהילה, איז געווען אַ בית־מדרש, און אין די ווינטער־נעכט האָט עס געהילכט פונם קול־תורה פון בחורים און יונגע־לייט און לומדים אַרום די וואַרעמע ליכטיקע טישן. פּראָסטע יידן האָבן געהאַט זייער רבי ביי אַ טיש מיט אָפענע „עין־יעקבס". אַ מגיד האָט פריילעך געמאַכט די סמוטנע הערצער מיט לוסטיקע משלים. אַ בעל־דרשן מיטן דרשה־ניגון האָט פאַרוויגט דעם מידן קאָפּ מיט פאַנטאַסטישע דמיונות.

די „פּאָליטיקער" אַרום אויוון האָבן זיך געוואַרעמט די פּלייצעס אין די קאַפּלעס און די הערצער מיט געוואַלטיקע נצחונות און נאָך די ערגסטע פון די ערגסטע, די אָרעמסטע פון די אָרעמסטע, די אומבאַהאָלפענסטע האָבן געפונען דאָרט אַ וואַרעם שטיקל פּלאַץ, נייס אויפצוכאַפּן מיט איין אויער.

און ווער רעדט ערשט פון די פּאַרטיי קלובן, ביבליאָטעקן, דראַמאַ קרייזן, פאָלקס־אוניווערזיטעטן אין אונזערע שטעט און שטעטלעך אין די לעצטע דורות.

עס איז ממש אַ פּחד, אַז אַ יידישע קהילה, וואָס רעדט זיך איין צו שפּילן אַזאַ גרויסע ראָלע, זאָל אַזוי געזעלשאַפטלעך פּורק עול זיין, אַראָפּוואַרפן פון זיך יעדע יידיש־געזעלשאַפטלעכע אחריות פון צוזאַמענלעבן.

פריער האָבן מיר נאָך דאָ געהאַט די יוניאָנס מיט זייערע גרויסע האָלן, דער אַרבעטער־רינג־האָל, די פרענדלי סאָסייטיס האָבן געהאַט געזעלשאַפטלעכע זאַלן. בתי־מדרשים פּלעגן אָפן זיין.

איז וואָס קענען מיר האָבן צו יענע אָרעמסטע פון די אָרעמסטע, צו די אומבאַהאָלפענע, וואָס לויפן אין די „סאַלוויישאָן־אַרמי"־זאַלן זיך צו דערוואַרימען? צו די וואָס לויפן אַריינכאַפּן אַ גלעזל טיי ביי די מיסיאָנערן?

ריכטיק פאַר די יוגנט זאָרגט מען... און זיי זיינען שוין פאַרזאָרגט!

אָבער סוף כל סוף שטאַרבן דאָך אַלטע, אומבאַהאָלפענע און שוואַכע מענטשן נישט אויס אַלע אין איין קאַלטן ווינטער, איז ווו זיך געזעלשאַפטלעך — אפילו פאַר דעם גוט־סיטואירטן באַלעבאַטישן ייד — אַהינצוטון אין די קאַלטע לאַנגע ווינטער נעכט ?

ניין, פּיקאַדילי קאָנען זיי זיך שוין נישט לייסטן. פאָרן צום קאָרנער־הויז איז פאָלג מיך אַ גאַנג. דאָרטן איז שוין געפּאַקט מיט דער יידישער יוגנט...

משמעות, אַז אין אַ דעמאָקראַטיש הויך־ענטוויקלטע מדינה, ווו יעדע האַנד־לונג איז פריי, מוז מען אויך אויף קהילה־אַמטן און געזעלשאַפטלעכע אינסטי־טוציעס קוקן ווי אויף פּריוואַטע ביזנעס אָפיסעס, און זוכן אויפן לעבן גופא צו לייגן דעם אייגענעם ספּעציפישן חותם פון אַ מינדערהייט, ווו זי לעבט נאָך ווי נישט איז אין קאָמפּאַקטע מאַסן.

---

און עס האָט זיך אַרויסגעוויזן. טראָץ אַלע אָפּוער־מיטלען פון דער אַסימי־לאַציע און איינגעזעסענע קהילה־פירער, באַווייזן מיר זיך דאָך, דאָ אין ווייטשעפּל זיך אַדורכצוזעצן און דאָס אייגענע שטיקל ערד צו שפּירן אונטער די פיס.

עס איז ממש וווּנדערלעך צו זען ווי באַשטימטע שעהן אין טאָג און באַזונ־דערס אין די נאַכט־שעהן ווערט דער ווייטשעפּל־לייאָנס פאַרוואַנדלט אין אַן אייגענער יידישער היים, אין אַ ליטעראַרישן קלוב, אין אַ קאָכעדיק טומלדיק בית־מדרש ממש.

יעדעס טישל האָט זיך שוין זיין חברותא! און דער עולם וואָס קומט זיך שוין צוזאַמען, איז שוין גאָרנישט דווקא פון דעם דיסטריקט. עס ציט אַהער פון די ווייטסטע עקן פון שטאָט, די וואַרעמע היימישקייט דאָ.

נאַטירלעך, אַז די פערדל־ און הינטעל־שפּילער פעלן אויך נישט ביי די טישלעך, און מען וואַרפט זיך איבער מיט טיפּס פון איין טישל צום צווייטן. אין אַ קולטורלאָזער געזעלשאַפט מוז דאָך די מענטשלעכע פאַנטאַזיע אויך האָבן אירע האָפנדיקע וויזיעס.

אָבער דער דיסקוסיע טומל און גייסטיקער שיחות־חולין פון דעם טיש אַרום ווערלכן עס טוליען זיך די פּאָר יידישע שרייבער און קולטור־טוער, וואָס האָבן זייער אייגענס נישט ממש קיין שותפותדיקן ד׳ אמות, פאַרהילכט דעם המון.

און נישט נאָר זיי, דער המון הערט זיך צו מיט איין אויער צו די שמועסן און פילן זיך היימיש — די בעל־בתישע און קולטורעלערע שאַרן זיך חבריש צו! — נאָר אפילו די גויאישע „ווייטרעסעס״, וואָס האָבן מתחילת געקוקט קרום אויפן פרעמדן גערויש, הייבן אָן צו פילן אַ טעם אין די תנועות און העוויות — אפילו זיי דערשפּירן די יידישע אַטמאָספערע.

און אויב אַזוינס, אַ שטיקל יידיש־היימישע אַטמאָספערע, איז נאָך פאַראַנען דאָ, אויב אַזוינס מאַכן מיר נאָך מיט אונזער לייב און לעבן, איז עס אפשר אויב נישט נאָך שטאַרקער פון די אַלע גוט געשמירטע געזעלשאַפטלעכע און קולטור אָנגעדרייטע מאַשינען.



## בן־א. סאָכאַטשעווסקי

## צוויי דיכטער

עס זיצן צוויי דיכטער און ריידן
פון טעג שוין פאַרגאַנגענע פון לאַנג,
ווען יונג איז געווען נאָך דאָס לעבן,
און פול מיט אידעאַל און געזאַנג.
דאָס וואָרט האָט גערופן צו פרייהייט,
דאָס וואָרט האָט גערופן צו גליק,
און פריידיק צעלויכטן דעם מאָרגן
אין יעדן פאַרצווייפלטן בליק.

עס זיצן צוויי יידישע דיכטער,
צוויי אַלטע, ענטוישט, אַזוי מיד,
און חלומען יוגנט חלומות,
שוין פרעמד פאַר דעם היינטיקן ליד.
די גאַס זינגט נישט מער פון קיין שיינקייט,
פון גייסטיקער פראַכט און פון פרייד,
ווייל ליידיקע פוסטקייט איז מושל,
און גלויבענסלאָז איז איצט די צייט.

עס זיצן צוויי דיכטער, צוויי קראַנקע,
און הוסטן צו ביסעלעך צו,
ס׳האָט איינער קיין היים נישט אפילו,
דעם אַנדערן בענקט זיך נאָך רו.
עס זעט זיי אין קאַפע דער עולם,
די צוויי מאָדנע מענטשן אַליין,
די צוויי פרעמדע אַלטע פאַרשוינען,
מיט אויגן צוגליט נאָך פול שיין.

עס זיצן צוויי דיכטער און ריידן,
צוויי דיכטער, פאַרגעסן פון טויט,
צוויי יידישע דיכטער פאַרמאַטערט,
און ריידן פון פיין און פון נויט.
ווער דאַרף זיי די יידישע דיכטער,
זייער הערלעך עשירות און ליכט,
ווען פאָלק איז פאַרזונקן אין שפלות,
און תאווה דאָס שענסטע געדיכט ?

עס זיצן צוויי דיכטער און ריידן
פון עולם הבא און פון גייסט,
און פילן זיך יונג אויפגעלעבטע,
צוטובלט אין פרייד און אין טרייסט.
דאָס ליד אויסגעזונגען וועט בלייבן,
דער נאָמען וועט שוועבן אין רום,
דאָס וואָרט פון דעם דיכטער און נביא
ווערט קיינמאָל, ווערט קיינמאָל נישט שטום.

## פראַנץ קאַפקאַ

### דער קלאַפּ אין טויער פון גוט

עס איז געווען זומער, אַ הייסער טאָג. אויפן וועג אַהיים איז מיר מיט מיין שוועסטער אויסגעקומען פאַרבייצוגיין אַ גוט. איך ווייס נישט צי זי האָט בייוויליק אָדער אומגערן אַ קלאַפּ געטון אין טויער, אָדער בלויז געדראָט מיט דער פויסט און נישט אָנגעקלאַפּט. אַ הונדערט שריט ווייטער אויפן שאָסיי, וואָס האָט זיך געקערט אויף לינקס, האָט זיך אָנגעהויבן דאָס דאָרף. מיר האָבן עס נישט געקענט, אָבער באַלד נאָכן ערשטן הויז זיינען מענטשן אַרויסגעקומען און האָבן געווונקן צו אונז, פריינטלעך אָדער מיט וואָרנונג, אַליין גאַנץ דערשראָקן, ממש איינגעבויגן פון שרעק. זיי האָבן געטייטלט אויפן גוט, וועלכעס מיר זיינען פאַרבייגעגאַנגען, און אונז דערמאָנט אינעם קלאַפּ אין טויער. די בעלי־בתים פון גוט וועלן אונז אָנקלאָגן, אַן אויספאָרשונג וועט מען גלייך אָנהויבן. איך בין געבליבן גאַנץ רואיק און אויך באַרואיקט מיין שוועסטער. זי האָט מסתמא נישט אָנגעקלאַפּט, און אויב אפילו יאָ, וועט מען אין ערגעץ אויף דער וועלט נישט געפינען קיין באַווייז. אָט דאָס האָב איך אויך געזוכט צו געבן די מענטשן צו פאַרשטיין. זיי האָבן מיך אויסגעהערט, אָבער האָבן זיך אָפּגעהאַלטן פון אויסדריקן אַ מיינונג. שפּעטער האָבן זיי געזאָגט, אַז נישט בלויז מיין שוועסטער, נאָר אויך איך, אַלס ברודער, וועל ווערן אָנגעקלאָגט. איך האָב געשאָקלט מיטן קאָפּ שמייכלענדיק. אַלע האָבן מיר צוריקגעבליקט צום הויף, ווי מען בליקט אויף אַ וואָלקן רויך פון דערווייטנס, וואַרטנדיק אויפן פלאַם. און באַלד טאַקע האָבן מיר דערזעען רייטער אַריינרייטן דורך דעם ברייט געעפנטן טויער. עס האָט זיך אויפגעהויבן אַ שטויב, וואָס האָט אַלץ איינגעהילט, בלויז די שפּיצן פון די לאַנגע שפּיזן האָבן געבלאַנקט. און ווי די ראָטע איז פאַרשוווּנדן אין הויף, האָט עס אויסגעזעען, אַז די פערד דרייען זיך אויס און נעמען דעם וועג צו אונז. איך האָב אַוועקגעשטופּט מיין שוועסטער, וועלנדיק אַליין אַלץ ברענגען אין אָרדנונג. זי האָט זיך געוויגערט מיך איבערצולאָזן איינעם אַליין. איך האָב איר געזאָגט, אַז זי זאָל זיך כאָטש איבערטון, כדי צו דערשיינען פאַר די פּריצים אין אַ בעסער קלייד. צום סוף האָט זי מיך געפאָלגט און זיך גענומען אין לאַנגען וועג אַריין אַהיים.

פלוצלינג זיינען שוין די רייטער געווען האַרט ביי אונז, און זיצנדיק נאָך אויף די פערד האָבן זיי זיך נאָכגעפרעגט אויף מיין שוועסטער. אין אָט דער



רגע איז זי נישטאָ, האָב איך מיט פחד געענטפערט, אָבער זי וועט קומען שפּעטער.

דער ענטפער איז אויפגענומען געוואָרן גלייכגילטיק; איבערהויפּט האָט עס אויסגעזעען וויכטיק וואָס זיי האָבן מיך געפונען. דער עיקר זיינען עס געווען צוויי האַרן — דער שופט, אַ יונגער לעבהאַפטער מענטש און זיין שטילער געהילף, וואָס מען האָט אים גערופן אַסמאַן.

מיך האָט מען אויפגעפאָדערט אַריינצוגיין אין אַ פּויערישער כאַטע. לאַנגזאַם, וויגנדיק דעם קאָפּ, רוקנדיק זיך אויף די הויזנטרעגער, האָב איך מיך גענומען גיין אונטערן שאַרפן בליק פון די צוויי האַרן.

איך האָב נאָך כמעט געגלויבט, אַז עס וועט גענוג זיין איין וואָרט, כדי מיך צו באַפרייען, דעם שטאָט־מאַן, פון אָט דעם דאָזיקן פּויערים־עולם און אפשר נאָך בכבוד גדול. אָבער ווי כ׳בין נאָר אַריבער די שוועל פון דער כאַטע, האָט דער ריכטער, וועלכער איז געשפּרונגען פאָרויס און שוין געוואַרט אויף מיר, אַ זאָג געטון:

— דער דאָזיקער מענטש טוט מיר לייד.

עס איז אָן ספק קלאָר געווען, אַז ער מיינט נישט מיין איצטיקע לאַגע, נאָר דאָס וואָס וועט געשעען מיט מיר.

די כאַטע האָט אויסגעזעען פיל ענלעכער צו אַ פּשוטער תפיסה־קאַמער ווי צו אַ פּויערישער שטוב. אַ גרויסע, שטיינערנע פּאָדלאָגע פון גרויסע פּאַסאַדזקעס, טונקל, גאַנץ קילע ווענט. ערגעץ־ווו איז געווען איינגעמויערט אַן אייזערנער רינג. אין דער מיט — עפּעס, וואָס איז געווען האַלב געלעגער, האַלב אָפּעראַציע־טיש.

וועל איך נאָך קענען אָטעמען אַנדערע לופט ווי די אין דער תפיסה? אָט דאָס איז אַ גרויסע פראַגע אָדער בעסער, זי וואָלט עס געווען, ווען איך האָב נאָך אַן אויסזיכט צו ווערן באַפרייט.

## איבער משלים

אַ סך מענטשן באַקלאָגן זיך, אַז די רייד פון די חכמים זיינען תמיד בלויז משלים, וואָס מען קען זיי נישט אָנווענדן אין טאָג־טעגלעכן לעבן, און נאָר די דאָזיקע אַליין האָבן מיר. ווען, למשל, אַ חכם זאָגט: „גיי אַריבער“, מיינט ער נישט סתם, אַז מען זאָל אַריבערגיין אויף דער אַנדערער זייט, וואָס מען וואָלט דאָך אין יעדן פאַל געקענט טון, ווען דער וועג איז ווערט די טרחה, נאָר ער מיינט עפּעס אַ לעגענדאַריש־מיסטישע אַנדערע זייט, וואָס מיר האָבן פון איר נישט קיין השגה, וואָס ער באַצייכנט נישט קלאָרער און וואָס קען אונז דעריבער דאָ ממשותדיק גאָרנישט העלפן. אָט די אַלע משלים זאָגן אייגנטלעך בלויז, אַז דאָס נישט־ממשותדיקע איז טאַקע נישט ממשותדיק, און דאָס האָבן מיר דאָך סײַ־ווי געוווּסט. דאָס אָבער מיט וועלכן מיר באַמיִען זיך יעדן טאָג זיינען שוין גאַנץ אַנדערע זאַכן.

דערויף זאָגט איינער:

— פאַרוואָס־זשע שטעלט איר אייך אַנטקייגן? אויב איר וואָלט נאָר גע־פאָלגט די משלים, וואָלט איר דעמאָלט אַליין געוואָרן משלים און אַזוי־אָ זיך באַפרייט פון דער טאָג־טעגלעכער מי.

אַן אַנדערער זאָגט:

— איך וועט מיך מיט אייך, אַז אפילו דאָס איז אויך אַ משל.

ענטפערט דער ערשטער:

— דו האָסט געוואונען.

ענטפערט דער צווייטער:

— אַ שאָד בלויז וואָס נאָר אין אַ משל.

זאָגט דער ערשטער:

— ניין, בפועל ממש; אינם משל האָסטו גאָר פאַרלוירן.

## אַ קליין משל

— אַך — זאָגט די מויז — די וועלט ווערט כסדר ענגער און ענגער מיט יעדן טאָג. צוערשט איז זי געווען אַזוי ברייט, אַז איך האָב געהאַט עגמת־נפש דערפון. פלעג איך ווייטער לויפן און מיך פילן גליקלעך ווען כ׳האָב סוף כל סוף דערזען פון דערווייטנס מויערן אויף רעכטס און לינקס. אָבער די דאָזיקע לאַנגע מויערן רוקן זיך אַזוי גיך צונויף, אַז כ׳בין שוין אַזש אין לעצטן צימער, און דאָרטן אין אַ ווינקל שטייט די קליאַטקע, אין וועלכער איך האַלט ביים אַריינלויפן.

— דאַרפסט בלויז לויפן אין אַן אַנדערער ריכטונג — ענטפערט די קאַץ און פרעסט זי אויף.

## אַוועק פון דאַנען

איך האָב באַפוילן מען זאָל מיר ברענגען מיין פערד פון שטאַל. דער דינער האָט מיך נישט פאַרשטאַנען. בין איך אַליין אַריינגעגאַנגען אין שטאַל אַריין, האָב אָנגעזאָטלט דאָס פערד און מיך אַרויפגעזעצט דערויף. פון דערווייטנס האָב איך געהערט אַ טראָמפּייט בלאָזן, האָב איך דעם דינער געפרעגט וואָס עס באַטייט. ער האָט נישט געוווסט און נישט געהערט. ביים טויער האָט ער מיך אויפגעהאַלטן און געפרעגט:

— וווהין רייט דער האַר?

— איך ווייס נישט — האָב איך געענטפערט — בלויז אַוועק פון דאַנען, אַוועק פון דאַנען. אַז איך וועל נאָר פון דאַנען אַוועקרייטן, וועל איך שוין דער־גרייכן מיין ציל.

— הייסט עס, אַז איר קענט אייער ציל? — האָט ער געפרעגט.

— יאָ — האָב איך געזאָגט — איך האָב עס דאָך שוין דערקלערט. אַוועק פון דאַנען — אָט דאָס איז מיין ציל.

איבערזעצט פון אָריגינאַל,



יוסף הלל לעווי

## אָ וואָס איז אַ פאָן דען?

אָ וואָס איז אַ פאָן דען? באַהאָפטן אַ לאַטע —
מיט כלערליי לאָקנדיק בונטע קאָלירן,
צו ווייזן די פינסטערע מאַכט וואָס עס קאָן:
פאַרפירן דער אונמענטש, דעם מענטש צו פאַרפירן —
אין קריג מיט דער כלומרשט פאַרהייליקטער שמאַטע,
אָ דאָס און נישט מער איז פון פאַרבן די פאָן!

אָ וואָס איז אַ פאָן דען מיט הויכע פאַראָלן —
צעשריגענע, ווילדע און פרייעסטע פאַרבן
דען מער ווי די אותיות הוילע און מאָן?
וואָס רופן מיט זיסע הבטחות געשוואָלן —
פון ליגנס דעם מענטש פאַר די מענטשן צו שטאַרבן,
אָ דאָס און נישט מער איז די הייליקסטע פאָן!

אָ וואָס איז אַ פאָן דען וואָס דאַרף צו באַשיצן
דער מענטש זי, און לאָזן זיין האַרץ זיך דורכבליצן:
מיט קוילן און שטעלן זיין לעבן אין קאָן;
צו בלייבן דער הייליקער שמאַטע געטרייער —
ווי ס׳וויב און די קינדער און שפּרינגען אין פייער
אַריין און דאָרט אויפגיין אין פלאַם פון דער פאָן?!

אָ וואָס איז אַ פאָן דען פון ריינסטע געוועבן
אפילו דען מער ווי די אַלע געוועגדער?
וואָס רוישן דו קאָנסט מער נישט לעבן דעראָן:
נאָר לאָזן פאַר געטער, און פעלקער, און לענדער —
זיך טויטן און טויטן דעם אַנדערנס לעבן
ס׳זאָל בלייבן אויף אייביק די פאַרב פון דער פאָן!

אָ וואָס איז אַ פאָן דען פון ווינטן צעפלאַטערט,
געטראָגן פון מאַסן מיליאָנען פאַרמאַטערט,
דען מער ווי אַ בלימל אַ רויטעס אין מאָן?
וואָס ס׳דריוולט דער ווינט דערפון טויזנטער צויטן,
און פלעכט זיי די מאַסן צוזאַמען צום טויטן,
אָ דאָס און נישט מער איז די מאַכטיקסטע פאָן!

אָ נעם און צופליק זיי די פענער פון פאַרבן,
און גראָב אויס אַ גרוב אויף צו ווערפן די שטאַנגען —
אין ווינט און אין שטורעם אַ פייער צינד אָן!
נישט גלויב דו מאַכסט בעסער דאָס לעבן דורך שטאַרבן,
און לאָז נישט מער פאַנגען דורך שבועות און געזאַנגען,
דאָס האַרץ דיינס אַ מענטש מיט קיין איינציקער פאָן!

## שמואל וו‏הייט

# „דיעטע"

### אַ הומאָריסטישע דערציילונג

מיין פריינט, אַ געזונט אויף אים, איז אַ ווילער און גוטהאַרציקער מענטש און ס׳איז באמת אַ נחת מיט אים אַ פּאָר שעה צו פאַרברענגען. ער פאַרשטייט אַן עסק און מ׳דאַרף אים קיין פינגער אין מויל נישט אַריינלייגן. נאָר איין חסרון האָט ער, אַזוי האָט אים זיין אשת־חיל איינגערעדט, ער איז, זאָגט זי, צו פעט. דערגייט זי אים די יאָרן. זי וויל אַז ער זאָל גיין צו אַ דאָקטאָר. און אַז אַ פרוי זעצט זיך אָן, העלפט נישט קיין חכמות.

זיינען זיי טאַקע אַוועק צו זייער הויז־דאָקטאָר. ער האָט דעם פּאַציענט אונטערזוכט, אים אָפּגעוויגן און אים געגעבן אַ לאַנגען צעטל מיט אַ „דיעט" ווו עס איז אויסגערעכנט געווען: קיין ברויט, זופּ, פלייש, געפילטע אָדער געפרייטע פיש, פיקלס אָדער געזאַלצענע הערינג (די אַלע זאַכן וואָס ער האָט גראָד אַזוי שטאַרק ליב). אָט די מאכלים מוז ער לחלוטין פאַרגעסן. נאָר גרינעם סאַלאַד און אַמאָל אַ שטיקל סטימד פיש (וואָס ער האָט פיינט) דאָס מעג ער עסן. אָפּגעצאָלט דעם פדיון זיינען זיי אַוועק פון דאָקטאָר און די פלוניתטע זיינע האָט זיך גענומען אָפּהיטן דעם „דיעט" מיט אַלע פּיטשיריוועקעלעך.

באַלד דעם ערשטן טאָג האָט מיין פריינט געפילט ווי ס׳קלעמט אים אונטערן לייבצודעקל. האָט ער זיך באַרעכנט אַז דער דיעט איז נישט פאַר אים. אמת טאַקע, די פרוי וויל אים נישט געבן צו עסן. איז דאָ אַן עצה, דער רעסטאָראַטאָר, ווו ער פלעגט האָבן לאַנטשענס, מאַכט גאַנץ פיינע מאכלים. האָט ער טאַקע באַלד נאָך דעם סאַלאַד פרישטיק גייענדיק צום אָפיס באַזוכט דעם רעסטאָראַן און געהאַט דעם אמת פיינעם אָנבייסן, געפּרעגלטע אייער מיט ציבעלעס, פרישע זעמעלעך מיט פּוטער, אַ שטיקל הערינג און קאַפע. לאַנטש האָט ער אויך איבערגעכאַפּט אַ טעלער לאָקשן זופּ מיט טשיקן און קאָמפּאָט, און טי־טיים — פרייד פיש און טשיפּס, און אַהיימקומענדיק פון אָפיס האָט ער כוח געהאַט צו עסן דעם סאַלאַד וואָס זיין פרוי האָט פאַר אים צוגעגרייט. ער בעט זיך כלומרשט ביי איר: גיב מיר אַ שטיקל ברויט צו דעם סאַלאַד, בלייבט ער ביים בעטן, זי הערט אים ווי המן דעם גראַגער. ביי מיר, זאָגט זי, וועסטו קיין ברויט נישט עסן, דער דאָקטאָר זאָגט מ׳טאָר נישט, איז מיין פריינט אַזוי אָנגעגאַנגען מיט דער „דיעטע" אַ גאַנצע וואָך. אָבער אַז עס קומט שבת ווען ער גייט נישט אין אָפיס איז אַ צרה. אמת, ער האָט זיך אַרויסגעכאַפּט און געהאַט אַ גוטן מאָלצייט, נאָר עס איז דאָך נאָך דאָ אַ זונטיק אויך.

האָט מיין פריינט טאַקע דעם ערשטן „וויק־ענד" געליטן אַן עוולה. קוים זיך דערוואַרט אויף מאָנטיק און אָפּגעמאַכט פאַר דעם וויק־ענד. זיין פרוי האָט אים טאַקע גוט אָפּגעהיטן מיט דער דיעטע, נאָר לעצטנס האָט זי באַמערקט אַז וואָס אַ טאָג פאַרלירט ער אַלץ מער דעם אַפּעטיט. ער עסט ממש גאָרנישט. האָט זי אים ווידער אָנגעהויבן יאַדן ער זאָל גיין צום דאָקטאָר. אַ ברירה האָט ער געהאַט? אַז מ׳מוז גיין העלפט נישט קיין חכמה. זיינען זיי ווידער אַוועק צום



דאָקטאָר און די פרוי דערציילט דעם דאָקטאָר אַז דער מאַן אירער האָט פאַרלוירן דעם גאַנצן אַפּעטיט צו די סאַלאַדס, ער עסט כמעט גאָרנישט.

האָט דער דאָקטאָר נאָך אַמאָל אונטערזוכט דעם פּאַציענט, אים אָפּגעוויגן און דערזעען אַז דער חולה האָט גאָר צוגעקריגן זיבן פונט זינט דעם לעצטן מאָל. שמייכלט ער זיך אַ ביסל אונטער און זאָגט צו דער פרוי: זאָרגט זיך נישט, דער פּאַציענט גייט זער גוט אָן, האַלט אָן מיט דער דיעטע, עס טוט אים זער גוט, ער וועט זיין „אָלרייט". נאָר זעט איר, מיר דאַכט זיך אַז איך דאַרף אייך גאָר אונטערזוכן, איר זעט דאָך אויס אַזוי אָפּגעצערט. צי דייעט איר נישט אַמאָל? דעם אמת געזאָגט, האָט די פרוי זיך מודה געווען, אַז „זינט מיין מאַן איז אויפן דייעט, קאָך איך נישט און באַק נישט, איך וועל דאָך פאַר מיר אַליין נישט צוגרייטן און וואָס מיין מאַן לאָזט איבער פון זיינע סאַלאַדס סטייעט פאַר מיר".

דער דאָקטאָר האָט זיך האַרציק צולאַכט. „אייער מאַנ׳ס דיעטע איז טאַקע זער גוט פאַר אים אַליין, אָבער פאַר אייך טויג ער נישט. באַקט, קאָכט און עסט, און אייער מאַן לאָזט איבער צום דיעט. עס טוט אים גוט".

זיינען זיי ביידע אַוועק צופרידענע. די פרוי זיינע האָט נאָך שטאַרקער אָפּגעהיט איר מאַן מיט דיעטע, אַז עס טוט אים אַזוי גוט איז זי דאָך אוודאי צופרידן. איי, ער עסט נישט אַזוי פיל, מאַכט נישט אויס. דער דאָקטאָר האָט איר דאָך בפירוש געזאָגט אַז דער דיעט טוט אים גוט, און וועגן זיך אַליין זאָרגט זי נישט, אַבי עס מאַכט אים בעסער.

נאָר עפּעס האָט זי באַמערקט אַז אין די וויק־ענדס ווערט איר מאַן פאַרפאַלן. דאַכט זיך ער איז נישט אַרויסגעגאַנגען. רופט זי אים און באַקומט נישט קיין ענטפער. זוכט זי אים אין אַלע צימערן ביז זי איז אַריין אין לייברערי און געטראָפן איר מאַן זיצנדיק פאַרטיפט — וואָלט איר דאָך אוודאי מיינען איבער אַ בוך, אַ נעכטיקער טאָג. געזעסן איז ער טאַקע ביי אַ פיינע מאָלצייט: סמאָקד סעמאָן און סאָלט־ביף סענדוויטשעס, אַ האַלבע טשיקן מיט געפיקלטע קיוקאַמבערס. דעמאָלט האָט זיין פרוי פאַרשטאַנען פאַרוואָס איר מאַן האָט פאַרלוירן דעם אַפּעטיט צו די סאַלאַדס.

---

## איציק פאַנער

# דאָס קוועלעכל

קוועלעכט אַ קוועלעכל
דעם תכלית וואָלט איך וויסן:
דו קוועלסט בייטאָג, דו קוועלסט ביינאַכט
דו הערסט נישט אויף צו פליסן.

דאָך גיסטו ווידער אַלץ אַוועק
פאַרשענקסט דיין גאַנץ פאַרמעגן
און לאָזט קיין טראָפּן נישט צוריק
פאַר דיר, פאַר דיינעטוועגן.

ווער ס'איז דאַרשטיק און פאַרשמאַכט
ווער צו דיר טוט גלוסטן
דער קומט פראַנק און פריי און שעפּט
ווי פון מאַמעס ברוסטן.

דער וואַנדערער פון ווייטן וועג
קומט צו דיר אַ מידער —
דו וואַשסט דעם שטויב פון זיינע פיס
און שטאַרקסט די שוואַכע גלידער.

די סאַרנע לויפט פון טיפן וואַלד
צו דיר ווי פייל און בויגן —
עס ציטערט נאָך דער טויטנשרעק
אין אירע סאַרנע־אויגן.

ס'האָט דער יעגער מיט דער ביקס
נאָר־וואָס אויף איר געשאָסן,
איר בלוט האָט זיך דעם גאַנצן וועג
פון וואַלד אַהער געגאָסן.

דו טרינקסט זי אָן מיט דיין געטרענק
און היילסט די פרישע ווונדן
און באַלד איז זי געזונט און יונג
אין וואַלד אַריין פאַרשווונדן.

אַ קוועלעכל, אַ קוועלעכל
איך קען דאָס נישט באַנעמען
תמיד, תמיד געבן נאָר
און קיינמאָל נישט צו נעמען.

אַ מענטשעלע, ווי נאַריש, קליין,
אַזוינע קשיות שטעלן —
מיין לוין איז גרויס, מיין תכלית זיס:
קוועלן... קוועלן... קוועלן...

אין פריינטשאַפט און ליבשאַפט פאַר חנה קאווא.

דאָס ליד פון איציק פאנער איז אַרויסגענומען פון חנה קאַוואָס אַלבום־מאַנוסקריפט.



י. ביעטש

# דעם רבינס צענערל

(המשך)

אין די קרייזן, ווו מר. לעווי האָט אָנגעפירט זיינע געשעפטן, האָט מען אים געהאַלטן פאַר אַ מאָדערנעם מענטשן, וואָס האָט אַ ברייט־פּראַקטישן קוק אויף ענינים און געשעענישן. מייסטנס איז עס געווען צוליב דעם גרויסן פאַרנעם פון זיינע ביזנעס.

אַ קליינינקייט, מר. לעווי זאָל זיין דירעקטאָר פון אַזוי פיל געשעפטן!

דעם אמת געזאָגט, איז ער געווען צוריקגעהאַלטן, שעמעוודיק, און געגלויבט אין זאַכן, וואָס האָבן סותר געווען אַ סך פון זיינע אינטימע פריינטס מיינונגען. נישט געקוקט אויף דעם אַלעם, האָבן זיי אים געהאַלטן פאַר אַ גרויסן בר־מזל, אַ הצלחה־ברענגער; נישט אַנדערש, ער מוז האָבן עפּעס אַ קמיע אָדער אַ שמירה פון אַ גוטן יידן...

דרייסיק יאָר ווי ער איז שוין אין אַמעריקע, אָבער מען באַקומט נאָך אַלץ דעם איינדרוק, אַז אַ שטיק פון דעם אַמאָליקן לעבן ליגט אים טיף־טיף אין די ביינער.

אַ טבע האָט מר. לעווי געהאַט צו דערמאָנען די התנהגות אין דער אַלטער היים. טיילמאָל, געוויינלעך זיצנדיק מיט פריינט אויף עפּעס אַ שמחה ביי לאַנדסלייט, פלעגט ער באַמערקן — כלומרשט אין שפּאַס — אַז אין בית־מדרש ביים רבין אין אַלעקסאַנדער וואָלט מען זיך נישט געזעצט לערנען צוזאַמען מיט נשים, ווי מ'טוט עס אין אַמעריקע. בשעתן רעדן פלעגט ער אַרויסנעמען אַ לאַנגען ציגאַר פון קעשענע, פאַררויכערן און וואַרפן אַ בליק אויפן עולם צו זען דעם איינדרוק, וואָס ער מאַכט, און בשעת מעשה זיך געגעבן אַ טאַפּ אין וועסטל טעשל, ווו דאָס צענערל איז געלעגן.

טיילמאָל פלעגט ער נעמען איינעם פון די פריינט אונטערן אָרעם און אים אויספרעגן אַלע נייעסן. דערנאָך פלעגט ער אַליין נעמען דערציילן זיין לעבנס־געשיכטע, ווי אַזוי ער האָט זיך באַקענט מיט זיין איצטיקער פרוי; טאַקע אין דער זעלבער אָוונט־שולע, ווו ער פלעגט גיין זיך לערנען די ענגלישע שפּראַך.

— אַקייגן וואָס זאָג איך דאָס? — פלעגט לעווי, מיט אַ געמאַכט שמייכעלע, ציען דעם שמועס — יאָ, אַקייגן דעם, וואָס זי איז דעמאָלט געווען אַ מיידל פון אַ יאָר צוואַנציק, אַ קליינע, אַ יאָדערדיקע, מיט ברוינלעך־פאַרחלומטע אויגן, וואָס, אַז זיי קוקן אויף אייך, נעמען זיי אייך אַדורך און אַדורך. תמיד איז זי אַרומגעגאַנגען אין אַ שוואַרץ געפּאַסט זיידן קליידל, וועלכעס האָט זיך געוויקלט בשעתן גיין אַרום איר טענצלדיקער, לאַכנדיקער פיגור. מען האָט זי טאַקע דערפאַר גערופן לינא די לאַכערקע, מחמת איר ברייטער שמייכל האָט ביי יעדער קליינינקייט זיך באַוויזן אויף איר קיילעכדיק פּנים.

ער האָט פלוצלינג איבערגעריסן דעם שמועס מיט אַ סאַרדאָניש געלעכ־

טערל, דערביי פעסטער געהאַלטן דעם פריינטס אָרעם, און גאַנץ שטיל, כמעט ווי צו זיך אַליין ווידער געזאָגט:

— פאַרשטייסט? אַז חתונה געהאַט האָב איך מיט לינאָן צוליב איר שיינעם קאָפּ האָר, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַריינצופאַלן אין אַ מין רויטלעכער קאָליר.

דאָס אַלץ פלעגט אים דערמאָנען אין רעגינען, מיט וועלכער ר׳איז אַנטלאָפן פון דער היים. צום סוף פון געשפּרעך האָט ער געגעבן דעם פריינט די אַלט־אויסגעדראָשענע עצה זיך צו נעמען צו „גרויסע ביזנעס״. אָבער מאָדנע, תמיד, ביים מאַכן דאָס האַלב־ערנסטע וויצל מיט די „גרויסע ביזנעס״, האָט ער זיך דערטאַפּט מיט דער האַנט אין וועסטל־טעשל.

לעווי האָט זיך געחידושט וואָס נאָך עטלעכע און צוואַנציק יאָר נאָך זיין חתונה קומט דאָס אַלץ אויף זיין מחשבה. „אפשר״, האָט ער געטראַכט, „איז עס וואָס זיינע צוויי קינדער דערפילן נישט זיינע האָפנונגען בנוגע זייער לערנען אין קאָלעדזש״. האָט ער דען נישט געזאָרגט, אַז זיי זאָלן קריגן די בעסטע ביל־דונג? אָבער וואָס מער זיי זיינען אונטערגעוואַקסן, אַלץ מער האָט ער געפילט ווי זיי ווערן אים אָפּגעפרעמדט און אַריינגעצויגן אין אַ לעבן, וועלכעס איז נישט אין איינקלאַנג מיט זיינע אויפפאַסונגען און געדאַנקען. . אפשר איז ער שולדיק דערין, האָט עפּעס פלוצלינג אויפגעטויכט אין זיין מחשבה, מחמת זיינע גרויסע געשעפטן האָבן אים נישט דערלויבט די צייט אויפצופּאַסן אויף די קינ־דער. און פאַרקערט, אַז ער צעשרייט זיך אַמאָל אין שטוב צוליב זייער נישט גיין אויפן דרך־הישר, ווערט אַ גאַנצע בהלה.

ער האָט האַסטיק צו זיך אַ זאָג געטון:

— קאָמיש, אין דער ביזנעס־וועלט בין איך דער חכם, דער פּעאיקער, דער שטאַרקער, נאָר אין דער היים, צווישן פרוי און קינדער, בין איך דער נאַר, געפאַלן און פאַרלוירן!...

שוין אַ צוויי־דריי שעה ווי לעווי שפּרייזט איבער די גאַסן פון ניו־יאָרק. ס׳איז שטיל. אַ סך געוועלבער זיינען שוין געשלאָסן. דער שיין פון דער לבנה גיסט זיך צוזאַמען מיטן ליכט פון די לאַמטערן. זיינע געדאַנקען האַלטן אין אַרומ־טאַנצן פון זאַכן אָן אַ שום צוזאַמענהאַנג. ער קען עס באין־אופן נישט פאַר־שטיין. ווי איז עס מעגלעך, אַז זיין עדווין, אויף וועלכן ער האָט גרויס האָפנונג געלייגט אים צו זען אַ „געענדיקטן״, זאָל, מיר נישט דיר נישט, פלוצלינג פאַר־לאָזן דעם קאָלעדזש, וווּ ער האָט שטודירט אויף אַדוואָקאַט און אָן באַראַטונג מיט טאַטע־מאַמע זיך פרייוויליק אָנשליסן אין דער אַמעריקאַנער אַרמיי!

זיין טאָכטער, באַרבאַראַ, זיין ליבלינג, צו וועלכער די פאָרנעמסטע יונגע־לייט פון ניו־יאָרק שדכענען זיך, פירט זיך גאָר אַרום מיט עפּעס אַ מאָלער! — איבערהויפּט — פלעגט ער טענהן — וואָס איז דאָס פאַר אַן אַרומשלעפּן זיך מיט איינעם, וואָס קיינער קען אים נישט? ווער ווייסט צו וואָס דאָס קען פירן?

ביי אַזעלכע שמועסן פלעגט באַרבאַראַ ווערן שטאַרק אויפגערעגט און סטראַשן אַז אויב מען וועט איר שטערן אין איר ליבע, וועט זי אַוועק פון דער היים, און מען וועט נישט וויסן ווו איר געביין איז אַהינגעקומען.



אגב, גרייט זי זיך צו פאָרן קיין לאָנדאָן, ווו זיינע עלטערן וווינען און ווו ער דענקט צו האַלטן איניקע אויסשטעלונגען פון זיינע בילדער.

— סטייטש — האָט לעווי אויף זיין שטייגער זיך צעשריגן — נאָך די אַלע פלענער מיינע פאָרסטו גאָר אַוועק מיט אַן אָרעמען מאָלער! וואָס וועלן מענטשן זאָגן?

ער האָט זיך געווענדעט צו זיין ווייב:

— הערסט אַן איינפאַל?

— ער איז נישט אָרעם — האָט באַרבאַראַ אים איבערגעשלאָגן — וואַלטער איז אַ גרויסער קינסטלער! — האָט זי מיט אַ קוויטשענדיק, ווילד קול געשריגן — ער איז אַ קינסטלער, אַ קינסטלער!

— נו, איז וואָס? — האָט ער, ווי געפאַלן ביי זיך, עפּעס געמורמלט. אין זיין רעיון האָט אויפגעטויכט הירש־בער דער לאַנגער, וואָס פלעגט, מיט צענדליקער יאָרן צוריק, אויסמאָלן אַ שענערן מזרח מיט לייבן, הירשן און כל המינים פייגל ביים רבין אין בית־המדרש. פונדעסטוועגן האָט מען זיך זער ווייניק אינטערעסירט מיט דעם אַלעם. דער עיקר איז געווען דאָס לערנען. ווי שטייט אין פּסוק: ותלמוד תורה כנגד כולם.

בקיצור, ס׳האָט נישט געהאָלפן קיין שרייען, און אפילו נישט דאָס וויינען פון דער מוטער, וואָס באַרבאַראַ האָט זי שטאַרק ליב געהאַט. זי האָט געהאַלטן אין איין פאַרזיכערן די מאַמע, אַז זי איז נישט קיין „בייבי״, זי קען זיך איר שטעטל אַליין באַשטיין. הלמאי אַנדערע רייכע אַמעריקאַנער מיידלעך פאָרן קיין אייראָפּע בלויז צוליב „פּלעזשור״, אָבער זי פאָרט דאָך צוליב קונסט! אגב, איז זי דאָך צו אים „ענגיידזשט״.

אין אַ קאַלטן מיטוואָך אין דער פרי, ענדע 1938, איז באַרבאַראַ אַרויף אויף דער שיף „וואַשינגטאָן״. זי האָט אויסגעזען בלאַס, נאָר אירע אויגן האָבן גע־ברענט. אירע בליקן זיינען געפאַלן אויף אַלע, וואָס זיינען זי געקומען באַגלייטן און זיינען איצט געשטאַנען אין פּאָרט. זי האָט אפילו נישט באַמערקט, אַז די שיף האַלט שוין אין פאָרן. זי האָט דערפילט ווי איר גאַנץ לעבן וואָלט אַוועק־גענומען געוואָרן. בלויז איר בליק און האַרץ זיינען פאַרבליבן אָט דאָרטן אין פּאָרט.

הגם באַרבאַראַס אַוועקפאָרן מיט וואַלטערן דעם קינסטלער איז לעווין נישט געווען צום האַרצן, ווייל ס׳האָט ביי אים אויסגעזען, אַז דאָס איז נישט דער יידישער דרך, אָבער האָט ער דען אַ רעכט זיך צו באַקלאָגן? צי האָט ער נישט געטון כמעט דאָס זעלבע, אַנטלויפנדיק מיט רעגינען אין אַ פינסטערן אָוונט? ווי זאָגט מען? דאָס עפּעלע פאַלט קיינמאָל נישט ווייט פונם בוימעלע.

דער שווערסטער קלאַפּ פאַר דער פאַמיליע לעווי איז ערשט געקומען מיט אַ דריי־פיר יאָר שפּעטער, ווען דער זון זיינער, עדווין, איז אָפּגעפאָרן מיט די אַמעריקאַנער חיילות קיין אייראָפּע אין דער מלחמה אַריין. לעווי האָט דעמאָלט געפילט ווי עפּעס אַ שווערער, שוואַרצער וואָלקן רוקט זיך אַלץ נענטער אָן איבער אים.

מאַדנע, ווי אַלץ זעט אויס צו פאַסירן מיט אַמאָל און אין דער זעלבער צייט! ערשט היינט גאַנץ פרי האָט אים אַ לאַנדסמאַן געבראַכט די ביטערע נייעס, אַז עטלעכע הונדערט יידן זיינען אין משך פון אייניקע שעה דערמאָרדעט געוואָרן אין זיין היים־שטאָט ראַוואַ, אַזש דער גאַנצער מאַרק איז געווען פול מיט די קערפּערס. ראַוואַ יידן האָבן אָט דעם זונטיק געקרוינט מיטן נאָמען „דער בלוטיקער זונטיק״...

אַ ציטער האָט אָנגעכאַפּט זיין נשמה, קלערנדיק בשעת מעשה צי זיין מוטער מיט די שוועסטער געפינען זיך נישט צווישן די דערהרגעטע. ער האָט מיט אַלע כוחות געטריבן פון זיך דעם געדאַנק, ווי מען טרייבט אַ זלידנע פליג, וואָס דערקוטשעט שטאַרק.

פונקט ווי שרה־זיסל אַמאָל, אַזוי האָט לעווי איצט געטראָגן אין זיך דעם גרויסן בטחון, אַז פריער גאָט און דערנאָך דעם רבינס צענערל, וועט ער סוף כל סוף אוודאי קריגן אַן ענטפער אויף די פילע בריוו, וועלכע ער האָט זיי לעצטנס אָפט געשריבן.

לעווי האָט פלוצלינג זיך דערפילט אַליין אין דער וועלט; אַליין מיט זיין בענקשאַפט און צער. יעדער מענטש האָט זיך זיינע אייגענע זאָרגן, אָבער אַזוי איז דאָס לעבן. שווער עס איבערצואַנדערשן, האָט ער געטראַכט. מיט וואָס איז ער עס מער בעל־יחסן פון אַנדערע? נישטאָ קיין פריווילעגיעס אין לעבן.

ס׳האָט אים גענומען נאָגן אַ פאַרלאַנג זיך ווידער צו זען אין זיינע יונגע יאָרן, ווען ר׳פלעגט זיצן אין בית־המדרש פאַרטיפט איבער אַ שאַרפן חידוש אין דער גמרא. אומבאַמערקטערהייט האָט ער גענומען אונטערברומען דעם ניגון פון גמרא־לערנען. ער האָט משונהדיק פאַרקרימט דאָס פנים, געעפנט דאָס מויל און זיך פלוצלינג געכאַפּט, אַז ער האַלט אין האַנט די טעלעגראַמע פון עדווינען, וועלכער מעלדעט, אַז ער קומט אויף צוויי טעג אורלויב; אַז ער וויל דעם לעצטן אָוונט פאַרברענגען מיט זיינע פריינט אויף אַ געזעגנונגס־פאַרטיע אין שטוב.

לעווי האָט נאָך אַמאָל דורכגעלייענט די טעלעגראַמע, און געוואָרפן אַ קרומען בליק אויפן בריוו, וואָס איז געלעגן אויפן טיש, אין וועלכן זיין טאָכטער שרייבט אים, אַז וואַלטער איז אויפן פראָנט און זי איז אַ נערס אין אַ שפּיטאָל. זי דענקט, אַז אין קורצן וועט מען זי מיט פיל אַנדערע נערסעס אָפּשיקן ערגעץ אויפן פראָנט. „זייט געזונט, מיינע ליבע עלטערן, באַרבאַראַ״.

ס׳איז געווען אַ זונטיק אין אָוונט, אין חודש כסלו, האָט דער ערשטער שניי אין אַ ווילדן געדריי פון ערגעץ זיך אָנגעיאָגט און געלייגט, ווי אַ ווייסע פלאַכטע, איבער דער לענג און ברייט פון דער גאַס. אַלץ פאַרשאָטן, האָט עס געמאַכט דעם איינדרוק ווי משונה מאָנסטער־געשטאַלטן וואָלטן פון ערגעץ ווייט געקומען און זיך אַוועקגעזעצט מיט די ווייסע רוקנס אַקעגן די פענסטער צו שפּיגלען זיך אינם עלעקטרישן ליכט פון לעווים הויז.

פריינט און שכנים זיינען געקומען ווינטשן עדווינען אַ צאתכם לשלום. ס׳איז געווען פריילעך. די יונגע־לייט, כמעט אַלע נאָענטע פריינט פונם זון,



האָבן געטראָגן מיליטערישע אוניפאָרמען. מען האָט געטאַנצט, געטרונקען און הויך אויפן קול זיך געווונטשן אַ באַלדיקע ענדע צו דער מלחמה.

די עלטערע האָבן געשמועסט פון וועלט־זאַכן, ווי דער שטייגער איז, אַז מען קומט זיך צונויף. אַ ביסל אונטערגעזיפצט איבער די שלעכטע נייעס אין די צייטונגען יעדן טאָג; ספּעציעל וואָס אָנבאַטרעפט זייער אַמאָליק היימלאַנד; אומגלויבלעכע נייעס, וואָס מאַכט די הויט ציטערן אויף אייך.

אַ דערשלאָגענער האָט מר. לעווי געשפּרייזט פון איין ווינקל צום אַנדערן מיט אַ געמאַכטער פריילעכקייט. אפשר וועט עס אים געלינגען אַראָפּצוטרייסלען פון זיך דעם חשד פון די טרויעריקע נייעס וועגן בלוטיקן זונטיק אין זיין שטעטל, וועגן זיין אַלטער מאַמען, וועגן זיינע שוועסטער. לעבן זיי נאָך? אָדער זיינען זיי שוין לאַנג טויט? אַ טיפער טרויער האָט זיך אין זיין נשמה באַזעצט און גיט אים נישט קיין מנוחה.

דער וואַנט־זייגער האָט אויסגעשלאָגן פינף. אַ פּאָר מינוט לענגער האָט דער לעצטער קלאַפּ געברומט אין זיינע אויערן, עפּעס ווי ווילדע חיות אין דער לופטן .די געסט זיינען שוין לאַנג אַוועק, אין זאַאַל אָבער פילט זיך נאָך די נאָכטיקע אויפגעדרונגענע פריילעכקייט.

ס׳איז געווען אַ קאַלטער, קאַלטער ווינטער־פרימאָרגן, ווען לעווי האָט באַגלייט עדווינען צוריק צום באַטאַליאָן. ער האָט געוואָרפן אַ בליק אויף זיינע הייזער, וועלכע זיינען געשטאַנען פאַרשנייטע, ווי זיי וואָלטן געווען די איינציקע עדות פון אַ שווערן געראַנגל, וואָס דערמאָנט אים אין די יונגע יאָרן, ווען ער האָט זיך געקליבן איינצולייגן וועלטן.

ווי אַ בליץ איז עס אים אַדורך דורך דער מחשבה: איז דאָס אַלץ נישט דער כוח פון דעם רבינס צענערל. די אַלע דערפאָלגן מיינע, מיין רייכקייט, מיין היימישע היים דאָ, מיין געפונענע רעגינע, כ׳מיין מיין ליאַנא מיטן שיינעם קאָפּ האָר... זאָל מיינע קינדער אַקעגן העלפן מזל...

מיט ציטערדיקע הענט האָט מר. לעווי דערלאַנגט זיין זון עדווינען דעם רבינס צענערל.

— היט עס אָפּ, מיין זון, און עס וועט דיך היטן, פונקט ווי מיך. עס איז פון דעם רבין דעם גדולהדור. דער עיקר, האָב בטחון. — בשעתן רעדן האָבן טרערן זיך אים באַוויזן אין די אויגן.

אינעווייניק, אין זיך, האָט ער אַ שטילן און לאַנגען זיפץ געטון...


## ביכער פון פארלאג „לשון און לעבן

„וויטשעפּל לעבט״ (אַנטאָלאָגיע פון עטלעכע 20 יידישע שרייבער) 10/-
„„שיידעוועגן״, אַ בוך דערציילונגען פון י. ביעטש 10/-
„ווידערוווקס״, אַ בוך לידער פון א. נ. שטענצל 12/6

מיט באַשטעלונגען זיך צו ווענדן אויפן אַדרעס פון:
LOSHN UN LEBN, 17, Delamare Bldgs., E.1.

## א. נ. שטענצל

# ווינטער־לידער

### 1. אויף מיין גרויער וואַנט

אין איר נעץ אַרייַנגעגאַרט ס׳האָט אַ גרויע שפּין
די זון, און ביז לעצטן טראָפּ זי אויסגעזויגן,
הענגט זי אַזוי אַ בלאַסע, אַן אויסגענאָגטע,
איַנגאַנצן מיט שפּין־פעדים שוין באַלד פאַרצויגן ;

אָדער איז זי גאָר די שפּין אין מיטן געוועב,
לויערנדיק הינטערוואַלעכס אויף אַ לעבן,
אַ פאַנג געטון און פלינק זיך פאַרקראָכן דערמיט,
צווישן די וואָלקנס ווי צווישן שפּין־געוועבן ?

אויף מיין וואַנט, אין קוואַדראַט־געוועב גרוי אינמיטן,
צוקט עס אויסטערליש אַזוי מיט לעצטע צוקן,
ווי עפּעס וואָלט אויסגעבלוטיקט — איך האָב מורא
דעם קאָפּ אויסצודרייען און מיך אומצוקוקן.

### 2. ווינטער־ליד

אויב די ביימער בליען נישט פרילינג פאַר מיין פענסטער,
בליען זיי דערפאַר ווינטער אויף מיינע שויבן ;
זיי וועלן מסתם באַלד צייטיקע פרוכט טראָגן —
מיין גאַנץ געסל פול שוין מיט די בליטן־שטויבן !

אויב אַלץ איז אַזוי קאַפּויער אין מיין לעבן,
האָט זיך אויך דער ווינטער אין פרילינג פאַרביטן ;
וואָס פאַר אַ געוואַלטיקע שפע ס׳וועט דאָס זיין,
ווייסער צוויט הערט דאָך גאָר נישט אויף זיך צו שיטן.

אָבער וווּ זיינען די זינג־פייגל, די שוואַלבן,
פאַרוואָס עפּעס אַזוי שטיל צווישן די צווייגן ?
מיין האַרץ, פון אַזאַ טרויער אַרומגענומען,
איז מיט־פאַרזונקן אין געזאַנג פון שטילשווייגן —
— — — — — — — — — — — —

אויב ביימער בליען נישט פרילינג פאַר מיין פענסטער,
בליען זיי דערפאַר ווינטער אויף מיינע שויבן ;
אַז מען איז נאָר זוכה צו פאַרזייען מיט טרערן,
ווער ברויך ערשט די פרייד פון פרוכט צונויפצוקלויבן.



### 3. „חמשה עשר בשבט"

אויסגעלאָשן שטייט אויוון אין ווינקל,
גלייך אַ סטראַשידלע איבערצושרעקן ;
אינמיטן שלאָף די פיבער חלומות,
אומרואיק כסדר מיך אויפוועקן.

האָט דאָך אָקאָרשט עמעצער ערשט גערעדט,
ווי אַרום איז ער ראַפּטום פאַרשוווּנדן ?
ווען פונם בעט נאָר אַראָפּגיין געקאָנט,
זיינען מיינע קני מיט דראָט געבונדן —

נאָכגעיאָגט מיט אַלע מיינע כוחות,
וואָלטן מיינע פיס מיך נאָר געטראָגן — —'
די נעכט יאַק די נעכט, נאָך אויסצוהאַלטן,
נאָר ווען ווידער אָנהויבן צו טאָגן.

שאַרף און שפּיציק גלייך גלאַנציקע מעסערס,
זיינען מיינע בליקן אָנגעצונדן —
ווידער הער איך איבער מיר יענעם,
אָקאָרשט די הויט פון מיין לייב געשונדן.

קלאַפּט ווער אין דער טיר, סאַרפּעט דער ווינד דאָס ?
איך בלייב ליגן שטיל שטייף אויסגעצויגן !
אויף די פאַרזשאַווערטע גרויע שויבן
גליען אָנגעשפּיצטע מיינע אויגן — —

און זע, צעשטרעקטע ביימער גייען אויף,
מיט יונג צעציטערטע פרישע צווייגן ;
בלויז די הענט אויסצושטרעקן און רייסן,
באָקסהאָרן, טייטלען, שעפּטאַלן, פייגן.

אָ, דאָס צאַרט־צעבליטע מאַנדל־צווייגל,
ווי זילבעריק זיינע גלעקלעך קלינגען,
און דאָס ליד פון „ראָזשינקעס און מאַנדלען",
מיר צוקאָפּנס הערט נישט אויף צו זינגען —

נאָר אָט־אָ די סטראַשידלע אין ווינקל
און אַלע פייגל זיינען צעפלויגן — — —
אויסגעלאָשענע, קאַלט־דערשראָקענע,
פליען אויף מיינע גליאיקע אויגן.

4. און אַז מאָרגן כ׳וועל נישט אויפשטיין מער

און אַז מאָרגן איך וועל נישט אויפשטיין מער,
ס׳וועט הענגען צווישן ווייס שטיל אַ טרער;
עס וועט ווער ווו מיין נאָמען דערמאָנען,
צום גוטן, צום שלעכטן, וואָסער חילוק!
מען וועט דעם צער איבערטראָגן קאָנען.

כ׳זע דאָס זיסלעכע אַרום יענער ליפּ ——
און פון אונטער מיין האַרץ דער לעצטער כריפּ,
ער וועט זיך אַראָפּקייקלען וואָס גרינגער;
ווי שווער ס׳איז דאָס לעבן, אַזוי לייכט איז
דאָס שטאַרבן פאַר אַ יידישן זינגער.

פונם אייגענעם גוף מען קריכט אַרויס,
פון אַ בגד, צעקראָכן, ברייט און לויז;
ווען צופוסנס עס בלייבט ווו ליגן,
דאָס מאָל־צעפּרעסענע, צעריבענע,
און מ׳הויבט זיך אויף אָן ווערטער אַ ניגון —

אַז טויב דאָס האַרץ, טויט־פאַרמאַטערט און מיד,
דערדערט עס נישט מער די ווערטער און ליד ———
ווי ווערעלכלעך אין טייך און נאָך העכער,
די אייז־צאַפּנס זילבעריק צעקלינגען,
זיי זינגען ווי פייגל פון די דעכער. כ״א שבט.

5. ביז אין די שפּיץ פון מיינע פינגער
(סאָנעט)

איך פיל די קעלט אין אַלע מיינע גלידער,
יאָ, איך לעב און וועל נאָך ווידער דערלעבן,
איבער מיין וואַרעמען קאָפּ דאָס שוואַלבן־שוועבן,
און צווישן צווייגן דעם געבלי פון לידער.

איך שטרעק מיך אין פייכטן בעט אַזאַ מידער,
קיינער ווער מיך דערוואַרעמען ליגט מיר דערנעבן,
און קיינער נישט ווער עס זאָל מיר עפּעס געבן,
ווען די אויגן עפענען איך וועל ווידער.

אַזאַ פרייד ביז אין די שפּיצן פון מיינע פינגער,
אַ פלאַטערן ביז טיף אונטער זיבעטער ריפּ,
כ׳שפּיר די וואַרעמקייט שוין אויף ציטערדיקער ליפּ;



פון פעדערלעך פון שנייעלעך אַ סך גרינגער!
יאָ, ווער ווייסט ס׳וועט מיר נאָך אפשר גאָר געלינגען,
אַ פויגל צו ווערן און אָנהויבן צו זינגען.

6. אַ ליד אַזוי טרויעריק זיס

אויב מען קאָן נישט, ווי רגע־זון אויף קוואַדראַט פון וואַנט,
אין גרוי פון די אייגענע ד׳ אמות זיין?
פאַלנדיק שנייעלע, זילבעריק אויפגלימערן,
און טריפנדיק מוטנע סמוטנע אַזוי פאַרגיין?

אויב מען קאָן נישט, בייזן ציטער פון אונטערשטער ליפּ,
שמייכלענדיק פאַרבייסן מיט קלאַפּנדיקע ציין?

זע, אויסהויכנדיקער אָטעם אויף אייז־קאַלטער שויב,
גייט וווּנדערלעך אויף קנאָספּנדיקער צווייג פול צוויט,
און ערגעץ ווו אין אַ נעסט, אין ווינקל פון מיין האַרץ,
אַ ליד אַזוי טרויעריק־זיס האַקט אָפּ אין דער מיט ——

האָרך, ס׳הייבט באַלד ווידער אָן, ווי אין צעאָטעמטן וואַלד,
ווען צעגליט איבער אים ס׳שטייט די זון אין צעניט.

## די „ביג־פאָור״־קאָנפערענץ אין בערלין
(צייט־ליד)

אַז וואָס זיי ווילן איז צייט געווינען,
איז דאָך ממילא די זאַך שוין פאַרלוירן;
ווען עס קומט די צייט, דער 9־טער חודש,
צומאָל אַ ממזר מוז ווערן געבוירן.

ווי צניעותדיק די בתולה שנירט דעם בויך,
און פאַרקנעפּלט זיך ביז אַרויף די לאַצן;
ווען עס קומט די צייט, דער 9־טער חודש,
מוז זי אַרויס, די באָמבע, און צעפּלאַצן.

אַז וואָס זיי ווילן איז צייט געווינען,
מען געטרויט זיך נישט ס׳שוואַרצע פון אויג־אַפּל;
פאַר אַזאַ ערלעך־כשרע בתולה,
די איינציקע עצה — צו געבן אַ מפּיל.

## משה דאָמב

# זכרונות וועגן סעגאַלאָוויטשן

אַנדערש זיינען די נאַטורן פון געבוירענע דיכטער. פון קינדווייז אָן איז ביי זיי אַלעס נישט גלייך, אַלץ קאָמפּליצירט, עפּעס בענקט זיך נאָך עפּעס ווייטעס אומבאַקאַנטעס, און שטענדיק קומען פאַר געווויסע שטרויכלונגען, וועלכע מאַכן דאָס לעבן שווער.

אָט צו די נאַטורן האָט געהערט דער דיכטער סעגאַלאָוויטש. שטענדיק האָב איך אים געזען אַן איינזאַמען, אייביק געשוויגן, ליב געהאַט צו וואַנדערן איבער פעלדישע סטעזשקעס, צו קוקן ווי די קערנער פאַליען זיך אין זומער־צייט, ליב געהאַט צוצוהערן זיך צום קוואַקן פון די זשאַבעס. כ׳געדענק ווען סעגאַלאָוויטש איז געקומען צו אונז אין שטעטל כמעלניק, האָט ער צו מיר געזאָגט: „פירט מיך נעבן סטאַוון ווו ס׳שמעקט פון פיש, ווו ס׳וואַסער איז באַוואַקסן מיט ווילדע גראָזן, ווו מען הערט דעם טיק־טאַק פון די פויערישע מילן, ווו מען זעט, ווי באַבעס קלאַפּן וועש מיט גראָבע העלצער“.

די מיינסטע ליריקער זיינען פאַנטעאיסטן, פאַרליבט אין דער נאַטור, אָבער ספּעציעל די יידיש־פּוילישע ליריקער, וועלכע האָבן טאַקע געזען די שיינע פאָספאָרנע וועלדער, מיט די שיינע גרינע פעלדער און די שטרויענע הייזקעס, ווו עס האָבן זיך געטוליעט קליינע דערפלעך, די שיינע פּוילישע וועגן, נאַטירלעך אויסגעאַרבעטע וועגן פון די רעדער פון פויערישע פורן. די פעלד־וועגן זיינען שטענדיק געווען באַוואַקסן מיט קאַשטאַן־בוימער, אָדער קאַרשן־בוימער מיט ווילדע קזשאַקעס, וועלכע האָבן פאָרמירט אַזאַ ווילדע פעלדישע וואַנט, ווו עס האָבן זיך גענעסטעט די סקאָווראָנקע־פייגל, און אַ ווילדע גריל האָט אין די זומער־טעג עפּעס אייביק געגרילט מיט אַ טרויעריקן ניגון „אָה, אָה“.

אַזוי האָט סעגאַלאָוויטש געבענקט נאָך דעם אַלעם. צוליב דעם פלעגט ער קומען אָפט אין אונזער שטעטל, ווו די נאַטור האָט געשמט איבער גאַנץ פּוילן מיט איר פּראַכט און שיינקייט, ווייל דאָרט האָבן זיך געצויגן די בערג פון „הייליקן קרייץ“ מיט די בעכליכע וועלדער.

סעגאַלאָוויטש האָט געהאַסט דאָס גרויס־שטעטישע לעבן, ער פלעגט מיר זאָגן, אַז וואַרשע איז אַ שיינע שטאָט ווי אַ שיינע פרוי, פול מיט פודער און רוזש געשמינקט, אָבער ווען מען נעמט דאָס אַוועק זעט מען דעם אמת. דער קלאַנג און רויש פון די טראַמווייען האָט אים אייביק מיד געמאַכט. דער געשטאַנק פון בענזין און אויל האָט פאַרסמט זיין געדאַנק. אין דעם קליינעם שטעטל איז ער געקומען וועקן זיין מוזע, אויפפרישן דעם געדאַנק.

כ׳האָב אַ סך מאָל מיט אים געוואַנדערט איבער די גרינע שטעטלדיקע לאָנקעס ביי „לייזערס מיל“. ער האָט געליבט דעם פרישן דופט פון געהאַקטן היי. כ׳בין געגאַנגען מיט אים נעבן „מאַלינאָווסקיס גאָרטן“ ווו ס׳האָבן געשמעקט די מאַלינעס און וויינפּערלעך־קזשאַקעס, ווו ס׳האָבן פאַרבענקט געבילט די הינט אין די טיפע פאַרנאַכטן. פלעגט ער מיר זאָגן טאַקע, אַז אין דעם קליינעם שטעטל זעט ער גאָט. ער זעט די לבנה אויפשיינען און פאַרגיין, ער



הערט דאָס מעלאַנכאָלישע קוואַקן פון די זשאַבעס, ער הערט דעם שטילן עכאָ פון די פויערישע פורלעך, וואָס טראַסקן אויף די געקאַלכטע שאָסייען, ערגעץ ווייט־ווייט, נעבן דאָרפישן וועלדל.

ער זאָגט צו מיר: „איך וויל זען דעם שטאָטישן בית־עולם“. מיר באַזוכן דעם בית־עולם אויף אַ בערגל. ער ליבט די שטילקייט און ער האַלט אין איין שטודירן די גאָר אַלטע מצבות, און נישט ווייט פון דעם אַלטן בית־עולם איז געווען אַן אַלטער ליפּאָווער בוים, פון דאָרט פלעגט מען שטענדיק הערן דעם עכאָ פון די קוקו. סעגאַלאָוויטש פאַרגעסט דאָס נישט און דערמאָנט מיך: „פירט מיך צום ליפּאָווער בוים ווו די קוקו זינגט“. אַזוי פלעגט ער אָפּזיצן שעה׳ן ביים בוים, אָפּוואַרטן ביז די קוקו וועט קומען. ער פלעגט מיט מיר רעדן וועגן אַלעם, וועגן מענטשן־ליבע, וועגן ליטעראַטור, אָבער וועגן פרויען האָט ער קיינמאָל נישט געוואָלט מיט מיר רעדן. ער איז געווען זער אַן ענטוישטער אין דער פרוי, ענטוישט אין ליבע, אפילו ענטוישט אין מענטשן.

אַמשטאַרקסטן האָט ער געהאַסט די אַסימילירטע אינטעליגענץ, ער האָט זיי גערופן „די שמענדריקעס“, ווייל זיי האָבן זיך געשעמט צו רעדן יידיש, און דאָס יידיש וואָס ער האָט אַממיינסטן ליב געהאַט.

ער האָט זער שטאַרק געשעצט דעם טאַלאַנט פון הערש דוד נאָמבערג און ליב געהאַט צו רעדן פון אים. האָראָנטשיקן האָט ער שטענדיק געשאַרט צו זיך, געוואַרעמט אים און געמאַכט האָפעריק. ער, סעגאַלאָוויטש האָט שטענדיק דערציילט וועגן דעם שטאַרקן שפּרודלדיקן טאַלאַנט פון האָראָנטשיקן, און דעם איינפּאַכן און ערלעכן מענטש אין אים. ער האָט שטאַרק געהאַסט חניפה, אינטריגעס, בעריידענישן: „זעט איר, ביידע זיינען געווען זער באַריידעוודיק, אָבער קיינמאָל האָט מען פון זיי נישט געהערט קיין רכילות־וואָרט“.

אין זיין שרייבן איז סעגאַלאָוויטש שטאַרק געווען באַאיינפלוסט פון די גרויסע רוסישע קלאַסיקער ווי טורגעניעוו, טאָלסטאָי. אָבער לעצטנס האָט מען געקענט באַמערקן געוויסע איינפלוסן פון דער מערב־אייראָפּעאישער ליטעראַטור, ווי פון גערהאַרד הויפּטמאַן און אַממיינסטן פון דזשעק לאָנדאָן. זיין „אייביק איינזאַם“ איז זער ענלעך צו לאָנדאָנ׳ס „מאַרטין אידען“.

ווען כ׳האָב מיט אים געוואַנדערט איבער די שטעטלדיקע לאָנקעס, האָב איך אים דאָס דערמאָנט, וועגן זיין איינפלוס. ער האָט לייכט צוגעשאָקלט מיט אַ זעלטענע צופרידנקייט.

ער האָט מיר פיל דערציילט וועגן זיינע אויפטוען אין בונד ווען ער איז נאָך געווען גאָר יונג, אַלס וועבער אין ביאַליסטאָק, פון זיין פריינטשאַפט מיט מעדעמען. ער האָט געקענט הירש לעקערטן. פון איינעם אַ גרויסן יידישן שרייבער, אין וועלכן ער האָט אַליין געצווייפלט אויב ער קען אָנשרייבן אַזעלכע שיינע ביכער, האָט ער שמייכלענדיק צוגעגעבן, אַז דעם שרייבעראָס פרוי האָט די פאַרדינסטן פאַר די גרויסע ווערק און נישט דער שרייבער אַליין. „אָט דער שרייבער“, פלעגט ער מיר זאָגן, „איז געווען אַן אָקסן־טרייבער און וועט בלייבן אַן אָקסן־טרייבער“. אָט דער גרויסער יידישער שרייבער האָט זער ווייניק

אינערלעכע קולטור און טראָגט זיך אַרום מיט אַ פאַלטשן שטאָלץ, ווי אַן אַנגע־בלאָזענער אינדיק.

כ׳האָב גלייך פאַרשטאַנען וועמען סעגאַלאָוויטש מיינט, אָבער ווייטער האָט ער שוין געשוויגן. ווען ער האָט גערעדט וועגן עפּעס, זיינען די ווערטער געווען געוויגן און געמאָסטן ווי אויף אַ וואָגשאָל, אָבער מיינסטנס פלעגט ער שווייגן. זיינע אויגן זיינען פּלוצלינג געוואָרן פאַרלאָשן, טיף סענטימענטאַל.

אין די מלחמה יאָרן האָב איך אים כמעט יעדן טאָג געזעןביים תל־אביב׳ער ברעג פון ים. ער האָט פאַר מיר אויסגעדריקט זיין טיפן האַס צו מאַנכע שריי־בער, וועלכע זיינען נאָר זער גיריק צו מאַכט און געלט און וועלכע פּוצן זיך אין פּאַווע פעדערן און ווערן גרויסע סנאָבן, ווילן אַוועקוואַרפן דאָס יידיש שרייבן און ווערן ענגלישע שרייבער, אַלץ צוליב קאַריערע. זיין צאָרן צו דעם אַלעם האָט אונטערגעגראָבן זיין געזונט.

איין מאָל אין אַ בין־השמשות, שפּאַצירנדיק ביים ברעג פון ים, ווייזט ער מיר אויפן וואַסער־פלאַך צו מערב זייט: „איר זעט דאָרט, העט־העט, ווייט, שעכט דער דייטשער רוצח אונזערע ליבע קינדערלעך, אונזערע שוועסטער און ברידער, און אויף אַלענבי גאַס, אין די קאַפעס, אין האָטעלן, שפּילט מען איצט און מען טאַנצט, ווי דער טייוול וואָלט זיי פאַרוויגט און פאַרשפּילט כדי נישט צו זען וואָס עס טוט זיך אָפּ ערגעץ אין פּוילן, ליטע, רוסלאַנד״.

דורכגייענדיק דורך די שיינע תל־אביב׳ער גאַסן, ווייזט ער מיר: „אָט זעט ווי דאָס יונגוואַרג פרעסט און זויפט און מאַכט מלחמה־געשעפטן, ווי דאָרט וואָלט גאָרנישט פאָרגעקומען״...

אָט דער צאָרן און עגמת־נפש האָט אים שנעל געבראַכט צום קבר, ווו ער איז ערגעץ אין אַמעריקע געשטאָרבן איינזאַם אַזוי ווי אין זיין ווערק „אייביק איינזאַם״.

סעגאַלאָוויטש איז געווען אין דער יידישער ליטעראַטור ווי אַ שוואַרץ שלענגעלדיק, זיג־זאַגיש שוואַרץ שנירל, אויף אַ שניי־ווייסן פלאַך. נישט פיל פון אונזער אינטעליגענץ האָבן אים פאַרשטאַנען, נישט פיל האָבן פון אים גע־האַלטן, ווייל אָפט איז סעגאַלאָוויטש געווען צו סענטימענטאַל, צופיל פאַר־חלומט, און אָפט בעל־ביתדיק באַנאַל אין באַצוג צו דער פרוי.

כמעט זיין גאַנצן טאַלאַנט האָט ער געווידמעט דער נאַטור. זיין ליבע פאַר דעם אַלטן שטעטל קאַזשימיעזש איז געווען אַלץ. דאָרט אין קאַזשימיעזש, ביי דעם גרינעם וואַסער פון דער ווייסל, האָט ער אויפגעלעבט. די שיינע גרינע יאָדלעס און סאָסנע־ביימער זיינען געווען זיין נשמה, זיין מוזע. די הויקערדיקע אַלטע הייזקעס האָבן אים באַצויבערט.

קאַזשימיעזש איז געווען פול מיט לעגענדעס פון דער מלכה אסתרקע און דעם פּוילישן קעניג קאַזשימיעזש דער גרויסער, וועלכע האָבן געבויט דאָס שיינע ראָמאַנטישע שטעטל קאַזשימיעזש.

זיינע אַלע ווערק האָט ער דאָרט געשריבן, און פון דאָרט האָט ער געצויגן דעם פאָדים צו וועבן זיינע סקיצן און סענטימענטאַלע לידער. סעגאַלאָוויטש איז



געווען שטאַרק פאַרליבט אין דעם פּוילישן פּייזאַזש און די שיינע פּאָספּאָרנע וועלדער, ווו עס האָבן געשטראָמט רוישיק די געלע וואַלד טייכלעך. ער האָט ליב געהאַט די ווייסל, וועלכע איז געווען פול מיט לעגענדעס וועגן די מלכה וואַנדא און די פּרינצן וואָס האָבן זי אַזוי ליב געהאַט. סעגאַלאָוויטשן האָט שטאַרק פאַרכאַפּט דאָס אַלטע סענטימענטאַלע אין לעבן פון פעלקער און מענטשן, לענדער און שטעט.

שרייבנדיק זיינע קינות אין תל־אביב האָט ער נאָך אַלץ געחלומט און סענ־טימענטאַל גערעדט איבער קאַזשימיעזש — עס איז געווען אַ צער צוצוקוקן ווי ער רעדט.

ער האָט געוואַנדערט איבער דער גאַנצער וועלט איינזאַם ווי זיין ליבער העלד זעליג קאַמעניעצקי און אין ערגעץ האָט ער נישט געפונען דעם טיפן טרויעריקן ניגון, וועלכן עס ברומען די כוואַליעס אין דער ווייסל און וואָס עס דערציילט דער רויש פון די סודותדיקע סאָסנע וועלדער העט־העט ווייט, ער־גע־ץ ביים „הייליקן קרייץ״, די בערג־קייטן, וואָס רינגלען אַרום זיינע אַזוי ליבע יידישע שטעטלעך.

---

## אברהם לעוו (ישראל)

### כ׳בין רואיק און גרייט

פאַרוואָס פיל איך, ווי די טעג זיינען מיינע געציילטע,
און כ׳טרינק מיט פרייד די זוניקע גנאָד ?
איך בין שיכור, ווי אַ פייער וואָס גייט פון אַ שיינקל,
און מיינע ליפּן שעפּטשענען תפילות צו גאָט.

פאַרוואָס האָב איך ליב אַזוי איצטער דעם לעבן,
און כ׳קלאַמער אָן אים זיך מיט ציטער פון לייב ?
מיר דוכט מיין יעדער טאָג איז אַ געשיינקטס, אַ געגעבנס,
איז אַ מתנה געשיקט פון דער ווייט.

און עפּעס מיט פרייד שטילע אויף מיר איצטער רעגנט,
מיט פרייד און מיט ציטער, מיט ליכטיקן צער.
ס׳איז ריכטיק, איך האָב אים דעם טויט אָנגעגעגנט,
איז אפשר דערפאַר ?

איז אפשר דערפאַר וואָס ער איז פאַרביי מיר געגאַנגען
אַ קוק געטון טיף מיר, טיף אין געזיכט,
און האָט מיט מיר געטון זיך אַ ראַנגל ;
און צוריק אַוועק זיין וועג אומגעריכט.

נאָר איך האָב זיין אָטעם געפילט אין די גלידער,
נאָר איך האָב זיין אָטעם געפילט אויף מיין לייב —
איך פיל נאָך אין בלוט מיינס דעם ציטער
אפילו איצט, ווען די שורות איך שרייב.

איך האָב אים געזען אַזוי נאַקעט און אָפן,
איך האָב אים געזען אָפגעשיילט רוי.
איך האָב דעם סוף פון אַלע סופ'ן
געפילט אויף מיין אייגענער הויט.

איז אפשר דערפאַר מיר אַזוי טייער געוואָרן
יעדער זוניקער טאָג, יעדע טויאיקע נאַכט ?
און עפּעס מיין אייגענע רו כ'האָב פאַרלאָרן
און פיל, ווי די שלעכטס לויערט און וואַרט.

און ציטער אין וואַרטעניש, אַז קומען וועט ווידער
דער טויט, און זיך געבן מיט מיר אַ פאַרמעסט
און זאָגן: צי ווייסטו נישט ברודער אַז לידער
שרייבט נישט קיין מת ?...

אָדער ער וועט מיר אַ שעפּטש טון אין אויער:
ניט פריי זיך מיין פריינט, צו וואָס איז די פרייד ?
זיי וויסן איך גרייט זיך אויף דיר און איך לויער,
אָט באַלד און עס וועט שוין דערגרייכן דיין ריי.

און ווער ווייס וואָס ער קען נאָך מיר סוד'ען און זאָגן,
און ווער ווייס נאָך אויף וואָס ער איז גרייט ?
ער הײנגט אויף מיין האַלז, ווי אַ פעלענער לאָגל
הייגגט אויף אַ קעסל ווען אין מדבר ער גייט.

איז אפשר דערפאַר פיל איך די טעג, ווי געשײנקטע,
ווייל איך האָב באַגעגנט דעם טויט אויף מיין וועג ?
און האָט מיר דערמאָנט אַז איך זאָל אים געדיינקען,
און קלערן פון אים דורך די נעכט און די טעג.

איז יעדער טאָג גייט אַדורך ביי מיר מיט צער און מיט ציטער,
יעדער טאָג גייט אַדורך ביי מיר מיט צער און מיט פרייד;
און אַז ס'וועט אַ ריס טון דער טויט זיך צו מיר, ווי אַ געוויטער,
וועל איך אים שטילערהייט זאָגן: כ'בין רואיק און גרייט!...



## האַרי פינקלשטיין

# ווי איך האָב געהאָלפן מאַכן דעם פּלאַן פון ערשטן הויז אין תל־אביב

גייענדיק אויף דער הויפּט־גאַס אין יפו, שטעלט מיך אָפּ מר. ווילהעלם גראָס, אַ באַקאַנטער פרומער ייד פון אונגאַרן, אייגנטימער פון אַ אַנגראָ־„גראָסערי“, און פרעגט מיך אויב איך וויל העלפן זיין פריינט יאָזעף טריידעל, דעם הויפּט אינזשיניר און פערמעסער פון יק"א (באַראָן הירש פאַרוואַלטונג) און דעם יידישן נאַציאָנאַל פאָנד (דער פאָנד האָט נאָך דאַן געשפּילט אַ גאַנץ קליינע ראָלע אין ארץ ישראל).

טריידעל האָט געהאַט זיין ביוראָ צוזאַמען מיט דער אַנגלאָ־פּאַלעסטיין באַנק, אין קריסטלעכן טייל פון יפו. ער איז געווען אַן עכטער דייטשער ייד פון פאָפּעלויער (נעבן באָן אַם רהיין). זיין פאַך האָט ער אויסגעצייכנט פאַרשטאַנען און האָט נישט ליב געהאַט די רוסיש־יידישע פירער פון יפו — ווי דוד לעוואָנטין (דעם דירעקטאָר פון דער אַנגלאָ־פּאַלעסטינא באַנק) און מאיר דיזענהאָף, שפּעטער דער ערשטער מעיאָר פון תל־אביב. זייערע קענטענישן זיינען איבערפלעכלעך — האָט ער געטענהט.

טריידעל נעמט מיך אויף אַלס געהילף אין ביוראָ מיט אַ געהאַלט פון 4/6 פער טאָג. איך העלף צוערשט מיט די צייכנונגען אין ביוראָ און נאָך אַ פּאָר וואָכן שיקט ער מיך נאָך „בית־עריף“, נעבן לוד, וואָס הייסט איצט „בית־שמן“.

איך פאָר מיט דער באַן ביז לוד (די ערשטע סטאַציע פון יפו) און פון לוד רייט איך אויף אַן אייזל דורך זומפּיקן אַראַבישן וועג נאָך „בית־עריף“ (בית־שמן) מיטפירנדיק די פערמעסונג־אינסטרומענטן. אין בית־עריף האָט דער נאַציאָנאַל פאָנד און אינזשיניר ווילבושעוויץ געקויפט לאַנד, און מען האָט געמוזט „מאַפּרוזירן“ (אָפּטיילן) די יידישע פון אַראַבישן לאַנד מיט אַ טיפן גראָבן. איך האָב געמוזט אויפּפּאַסן דאָס די צוויי אַראַבער, וואָס האָבן ביי אונז געאַרבעט, זאָלן דורכפירן דעם גראָבן לויט אונזער פערמעסונג־קאַרטע.

אינזשיניר ווילבושעוויץ האָט אָנגעפאַנגען בויען אַן אייל־פאַבריק מיטן נאָמען „עתיד“. ער האָט געבראַכט יידישע אַרבייטער און געגראָבן אַ טיפן ברונעם פאַר וואַסער. די אַרבעטער און איך האָבן געשלאָפן אויף דער ערד, געגעסן מייסטנס ציבעלעס געפּרעגלט אין אָליוו־אייל און געטרונקען רוסישן טיי.

צווישן די אַרבעטער איז געווען אַ מיטליערקער ייד מיט אַ גרויסער באָרד, געהייסן האָט ער האַלפּערן. ער איז געווען אַ רייכער רוסישער ייד, וואָס האָט פאַרלאָזן זיין פאַמיליע און גרויסן פאַרמעגן אין רוסלאַנד און אַוועק אַרבעטן אַלס פּראָסטער אַרבעטער אין ארץ־ישראל.

איך האָב געענדיקט די אַרבעט אין אַ פּאָר וואָכן, און איידער איך האָב זיך צוריקגעקערט נאָך יפו, בין איך צוגעריטן אויף אַן אייזל צו דער דייטשער קאָלאָניע „ווילהעלמינא“. דער דייטשער קייזער ווילהעלם, ווען ער האָט זיך גע־

טראָפן מיט דר. הערצל אין ארץ ישראל, האָט געקראָגן אַ געשענק פון סולטאַן אַ שטיק באָדן צווישן לוד און בני־ברק. ווילהעלם האָט געבראַכט דייטשן פון סרעפטאַ אויף דער וואָלגאַ (לענין האָט עס גערופן מאַרקס־שטאָט) אין רוסלאַנד און האָט זיי באַזעצט אַלס פאַרמערס אויף דעם דאָזיקן באָדן. ער האָט אויך געעפנט אַ באַנק, די „דייטש־פאַלעסטינא באַנק“.

איך בין געבליבן נעכטיקן אין די בירהאַלע פון ווילהעלמינא. פיל אַנטיסעמיטיזם האָט מען ביי די דייטשן דעמאָלט נישט באַמערקט, אָבער אַ סך קנאה. די דייטשן האָבן געטענהט אַז די פרויען אין פתח תקוה זיינען צו פיין אָנגעטון אין שבת. דאָס זעלבע האָב איך אויך געהערט אין דער גרעסטער דייטשער קאָלאָניע סאַראָנאַ, די איצטיקע „קריה“ פון תל־אביב. אין סאַראָנאַ פלעג איך קויפן פוטער — יידן האָבן עס דעמאָלט נאָך נישט געמאַכט, און די אַראַבישע פוטער איז געווען צו שמוציק. אַנשטאָט פוטער פלעג איך געברויכן האָניק, מייסטנס פון ראשון לציון.

באַזוכנדיק אַ דייטשן קאָלאָניסט אין ווילהעלמינא, האָט ער מיך געבעטן אַז איך זאָל אים באַזאָרגן אַ יידישן אַרבעטער. איך האָב עס אים צוגעזאָגט צו געפינען, מיטן באַדינג דאָס ער זאָל נישט אַרבעטן שבת (שפעטער האָט ער דעם ייד אָפגעזאָגט, ווייל — האָט ער מיר דערקלערט — דער ייד האָט נישט געאַרבעט אפילו אום דאָנערשטיק). דער דייטש האָט מיך געבראַכט אין זיין וואָגן איבער בני־ברק צוריק נאָך יפו.

אין בני־ברק האָבן דעמאָלט נישט געוווינט קיין יידן. די שמוציקע האַלבבלינדע אַראַבישע קינדער זיינען נאָכגעלאָפן נאָכן וואָגן און געשריגן: „יהודי, יהודי, נחטל ראשך ונבשל מריק (ייד, ייד, מיר וועלן אָפשניידן דיין קאָפ און מאַכן דערפון אַ זופ).

צוריקקומענדיק אין ביוראָ ביי טריידעלן האָבן מיר פאַרענדיקט די צייכנונגען פון בית־עריף (בית־שמן) און נאָך אייניקע טעג מעלדעט טריידעל דאָס דער נאַציאָנאַל פאָנד האָט געקויפט אַ שטיקל זאַמד אויפן ברעג פון ים אין צפון פון יפו. ער האָט מיך געשיקט העלפן מיט דער פערמעסונג. דאָס איז געווען אין סעפטעמבער 1905, ערב ראש השנה. איך האָב געפונען אויף דעם זאַמד אַ צווייטן געהילף פון טריידעלן מיטן נאָמען לאָנדאָן, אַ קאָלאָניסט פון חדרה, אַן אַראַבער. מיר האָבן אַריינגעקלאַפט שטעקלעך אינמיטן דעם ים פון זאַמד און דורכגעפירט די פערמעסונג אויף אַ שטח פון הונדערטער קוואַדראַט מעטער.

די היץ איז געווען געוואַלטיק. איך האָב געבעטן דעם אַראַבער, ער זאָל מיר ברענגען וואַסער צו טרינקען. ער איז אַוועק און געבראַכט אַ קרוג מיט וואַסער. קוים האָב איך עס אויסגעטרונקן, האָבן מיר אָנגעהויבן די ציינער צו ציטערן און מיר איז קאַלט און וואַרעם געוואָרן. איך האָב זיך צוריקגעקערט צו מיין צימער אין יפו און אַוועקגעלייגט זיך מיט מאַלאַריע.

נאָך אַ האַלבע שעה איז געקומען טריידעל רייטנדיק אויף אַ פערד, צוגענומען די ציפערן פון די פערמעסונג, אָנגעזאָגט דאָס איך זאָל גאָרנישט עסן נאָר טרינקן הייסע קלאָרע זופ מיט כינין, מיר געזאָגט דאָס ער אַליין רייט אויף



יאַכט (שוטינג) נאָך שכם (נאַבלוס) און מיר געגעבן אומגעפער 11 פונט 10 שילינג אַלס געשענק, איך זאָל זעען ארץ־ישראל.

קוים איז טריידעל אַוועקגעריטן הער איך ווי מען רופט מיך אין רוסיש. איך בין צוגעגאַנגען צום פענסטער און געזעען מאיר דיזענהאָף. ער האָט געוואָלט אַז איך זאָל אים געבן אַ קאָפיע פון דער פערמעסונג פון זאַמד און געוואָלט מיר באַצאָלן דערפאַר. איך האָב אים דערקלערט דאָס איך בין אָנגעשטעלט ביי טריידעלן, וועמען דיזענהאָף האָט נישט ליב געהאַט.

אויף דעם זאַמד איז געבויט געוואָרן דאָס ערשטע הויז אין תל־אביב, די „הרצליה“ גימנאַזיע פון דר. מטמון כהן מיט דער הילף פון אָלדערמאַן מאָזער פון בראַדפאָרד. 48 שעה בין איך געלעגן אין פיבער, דאַן זיך געפילט בעסער, און בין אָפגעפאָרן שפעטער מיט דעם יידישן דיליזשאַנס, פאַרביי די שיינע יידישע אַגריקולטור־שול „מקוה־ישראל“ נאָך ראשון־לציון.

## אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג פון פריינט פון יידיש לשון

זונטיק, דעם 17־טן יאַנואַר, איז אין הויז פון אַרבעטער רינג, 22 עלי סט., פאָרגעקומען די יערלעכע אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג פון פריינט פון יידיש לשון. אַ צאָל מיטגלידער האָבן זיך באַטייליקט. נאָך דעם ווי ס׳זיינען אָפגעגעבן געוואָרן די באַריכטן פון די קאָמיטעט פאַרוואַלטער א. נ. שטענצל, י. ביעטש, רחל מירסקי און נ. רובין פון פאַרגאַנגענעם יאָר קולטור אַרבעט, איז פאָרגעקומען אַ דיסקוסיע צי האָט דער קאָמיטעט דורכגעפירט די קולטור אַרבעט פון פאַרגאַנגענעם יאָר? און צו וואָס פאַר אַ מדרגה האָט די קולטור אַרבעט בכלל דערגרייכט?

אויף דעם איז אָנגעוויזן געוואָרן אַז טראָץ די קליינע פינאַנציעלע אונטערשטיצונג וואָס דער פאַראיין באַקומט פאַר זיין קולטור אַרבעט, איז דאָך גאָר נישט געמינערט געוואָרן: די שבת נאָכמיטאָגס אין בערנאַרד באַראָן סעטעלמענט; יעדן סוף חודש ליטעראַרישע אָוונטן אין בן־אורי; די מאָנאַטלעכע קאָנצערטן אין אַדלער האָל; און דאָס דערשיינען רעגלמעסיק יעדן חודש פון זשורנאַל „לשון און לעבן“.

עס איז אויסגעדריקט געוואָרן אַ דאַנק צו דער עקזעקוטיוו קאָמיטע. נאָך דער דיסקוסיע זיינען פאָרגעקומען די וואַלן פאַר אַ נייעם קאָמיטעט פאַרן יאָר 1954. עס זיינען אויסגעקליבן געוואָרן: משה עובד, ערן פרעזידענט; יהודה ביעטש און מנשה ווייסגראָז, וויצע־פרעזידענטן; א. נ. שטענצל, פאָרזיצער; אהרן ביעטש, קאַסירער; און משה בעקערמאַן, ערן סעקרעטאַר. אין קאָמיטעט זיינען אויסגעקליבן געוואָרן די דאַמען קייטי בראון, דזשעני האַט, רבקה היישעריק, רחל מירסקי, און די הערן: א. בלום, ג. שולמאַן, אייזיק גאָלדבערג, פרץ אַקערמאַן, מר. רעגען, מאָריס מינדל. פאַרן זשורנאַל „לשון און לעבן“: א. נ. שטענצל, רעדאַקטאָר; נעט רובין, אַדמיניסטראַטיווער סעקרעטאַר.

די פאַרזאַמלונג האָט זיך געענדיקט מיט האַרציקע ברכות צום נייעם קאָמיטעט פאַרן קומענדיקן יאָר פון קולטור אַרבעט.

## פריינט פון יידיש לשון
## צו די שלושים פון מאַקס קאָהען ע״ה

שבת, דעם 23־טן יאַנואַר, איז אין בערנאַרד באַראָן סעטעלמענט פאָרגעקומען אַ הספד נאָך דעם קולטור טוער און קונסט־שניצער מאַקס קאָהען. דער פאָרזיצער א. נ. שטענצל באַגריסט די פאַרזאַמעלטע און אויך די פאַמיליע פון נפטר. מאַקס קאָהען איז געווען אַ מיטגליד פון פריינט פון יידיש לשון ווו ער האָט זיך גייסטיק אויסגעלעבט די לעצטע פאָר יאָר פון זיין לעבן און שטאַרק אינטערעסירט געוואָרן צו שרייבן קורצע דערציילונגען, און אויך באַוויזן אַרויסצוגעבן צוויי ביכלעך: „די בייגל פאַרקויפעריןביים דניעפער“ און „די ערשטע פיאָנערן נאָך ארץ ישראל“. עס האָבן זיך באַטייליקט מיט רעדעס נאָך דעם נפטר: קייטי בראון, מנשה ווייסגראָז, זוסמאַן און סאָלי ראָזענפאַרב. עס איז אויך פאָרגעלעזן געוואָרן פון די צוויי ביכער וואָס דער נפטר האָט איבערגעלאָזן, מיט דער באַטייליקונג פון אייזיק גאָלדבערג, מרדכי לאַנצער און נעט רובין,

צום שלוס האָט פריינט שטענצל דערמאָנט אַז אין דעם זעלבן טאָג פאַלט גראָד אויס די יאָרצייט נאָך צבי אָרענשטיין. מיט געבויגענע קעפּ האָט זיך דער עולם אויפגעשטעלט צו די אל מלא רחמים וואָס איז געמאַכט געוואָרן פון יוסף ראָזענפעלד. ערע זייער אָנדענק.

ביים גלעזל טיי אין קאָפע אין גרייטאָרעקס סטריט האָבן זיך פאַרזאַמעלט דער קאָמיטעט פון פריינט פון יידיש לשון און די פאַמיליע פון מאַקס קאָהען.

י. ל. פיין האַלט אַ האַרציקע רעדע צו די פאַמיליע פון נפטר ווי אויך מנשה ווייסגראָז און אַנדערע. ס׳האָבן געענטפערט אויף די שבחים און הספד די צוויי פלימעניקעס פון מאַקס קאָהען, עדי און דזשאָו, וועלכע האָבן געדאַנקט אַלע באַטייליקטע, און האָבן געגעבן אַ מתנה פון 15 פונט פאַרן קולטור־פאָנד פון פריינט פון יידיש לשון.

ערע דעם אָנדענק פון אונזער נישט פאַרגעסענעם פריינט מאַקס קאָהען.

## דער קאָנצערט ביי פריינט פון יידיש לשון

דער קאָנצערט, דינסטיק, דעם 26־טן יאַנואַר, אין אַדלער האָל פאַר די צוויי באַוווסטע אַרטיסטן פעלאַ פעלד און פיניע גאָלדשטיין איז געווען אַ זער גרויסער דערפאָלג. פעלאַ פעלד. די באַקאַנטע קינסטלערין. רעציטירט זאַכן פון י. ל. פרץ, לוצקי, מאַנגער א. אַ. זי האָט אויך געזונגען פאָלקס־לידער און שטאַרק אויסגענומען מיט אַ ישראל־הומאָרעסקע. זי האָט אויך אַרטיסטיש־סצעניש פאָרגעשטעלט אַ שלום־דערציילונג פון טשעכישן שרייבער קאַרל טשאַפּעק.

אונזער לאָנדאָנער באַליבטער אַקטיאָר פיניע גאָלדשטיין האָט אויף זיין שטייגער פאָרגעשטעלט לוסטיקע סצענעס פון רעציטאַציע, טאַנץ און געזאַנג, מיט גרויס הומאָר, פון וועלכע דער עולם האָט גאָר שטאַרק הנאה געהאַט.



דער אָוונט, כאָטש עס איז געווען זער קאַלט, איז געווען גוט באַזוכט און דער עולם האָט זיך פיין אַמוזירט.

צום סוף האָט א. נ. שטענצל גערעדט איבער דער נויטיקייט פון אַזעלכע ליטעראַרישע אַמוזירענדיקע אָוונטן אויף דער יידישער גאַס און באַגריסט די צוויי קינסטלער־געסט, פעלאַ פעלד פון ישראל און פיניע גאָלדשטיין צוריקקומענדיק פון זיין טור איבער דרום־אַפריקע און אַמעריקע.

י. רובין.

## יידישע קולטור־כראָניק

### אַרגענטינער יעווסעקעס פאַרהערלעכן „באָגדאַן כמיעלניצקי“ פילם

אין בוענאָס־איירעס איז געוויזן געוואָרן דער נייעסטער סאָוויעטישער פילם „באָגדאַן כמיעלניצקי“, ווו דער גרויסער צורר־היהודים (דער גרעסטער פאַר היטלערן) ווערט פאַרהערלעכט אַלס אַ „נאַציאָנאַלער העלד און באַפרייער פון אוקראַינישן פאָלק!“

דאָס סאַמע מוראדיקסטע און העסלעכסטע פון דער זאַך איז, וואָס די יידישע קאָמוניסטן אין בוענאָס־איירעס האָבן אין זייער אָרגאַן „די טריבונע“, געשריבן באַגייסטערטע רעצענזיעס וועגן דעם דאָזיקן פילם און אַגיטירט צווישן זייערע „כאַוויירים“, אַז זיי זאָלן זען דעם פילם און זיך פאַרכליניען פון דעם פאָגראָמטשיק, וועלכער האָט אומגעבראַכט איבער אַכט הונדערט טויזנט יידן!

### הומאָריסטישער זשורנאַל „דער נייער קונדס“

אונטער דער רעדאַקציע פון די פעליעטאָניסטן אברהם שולמאַן און א. א. ליבערמאַן, האָט אין פּאַריז אָנגעהויבן צו דערשיינען אַ נייער הומאָריסטיש־סאַטירישער חודש־זשורנאַל מיטן נאָמען „דער נייער קונדס“. הגם דער נאָמען פון דעם זשורנאַל איז אַדאָפּטירט געוואָרן פון דעם אַמאָליקן ניו־יאָרקער „דער גרויסער קונדס“, צייכנט זיך אויס דער יורש מיט זיין פרישקייט און צאַפּלדיקייט. ס׳איז באמת געווען אַ נויטווענדיקייט צו האָבן אויף דער יידישער גאַס אַזאַ מין „קונדס“, וועלכער זאָל מיט דער גאַנצער שאַרפקייט רעאַגירן אויף דעם געזעלשאַפטלעכן קרומען שפיגל פון אונזער לעבן.

### מאָריס שוואַרץ קומט קיין דרום־אַפריקע

פון יאָהאַנעסבורג איז מען מודיע, אַז דער באַרימטער אַקטיאָר און טעאַטער־רעזשיסאָר, מאָריס שוואַרץ, קומט אין גיכן גאַסטראָלירן אין פאַרשידענע שטעט אין דרום־אַפריקע און וועט דאָרט אויפפירן פיעסן פון דעם רעפּערטואַר, וואָס זיינען געשפּילט געוואָרן אין זיין „יידישן קונסט־טעאַטער“ אין ניו־יאָרק.

פון דער ידיעה איז שווער צו דערגיין, אויב מאָריס שוואַרץ קומט קיין דרום־אַפריקע אַליין, אָדער מיט אַ טרופּע, און אויב ער וועט צו זיינע גאַסטראָלן צוציען די אין דרום־אַפריקע פאַראַנענע יידישע טעאַטער־כוחות.

## דער מצב פון דער יידישער פרעסע אין מדינת ישראל

פון די דריי טעגלעכע יידישע צייטונגען, וואָס זײַנען לעצטנס דערשינען אין תל־אביב (יעדן טאָג אונטער אַן אַנדערן נאָמען), איז פאַרבליבן בלויז די „לעצטע נייעס", וואָס ווערט רעדאַקטירט פון מ. צאַניך. די מפא"ישע טאָג־צייטונג „דאָס וואָרט" האָט אויפגעהערט צו דערשײַנען; דער טעגלעכער „נייער היינט" איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ וואָכנבלאַט אונטער דעם זעלביקן נאָמען. דאַקייגן האָט ווידער אָנגעהויבן צו דערשײַנען דאָס וואָכנבלאַט „נײַע וועלט", אָרגאַן פון די לינקע פּועלי ציון.

## לאָנדאָנער ידיעות

דער באַקאַנטער שרייבער און קולטור־טוער פון פּאַריז, יחזקאל קאָרנהענדלער, איז געקומען קיין לאָנדאָן אַלס גאַסט פון אַרבעטער־רינג צו געבן איין‌יקע לעקציעס איבער דער יידישער ליטעראַטור. ער וועט אויך זײַן דער גאַסט ביי די יידיש־ליטעראַרישע שבת־נאָכמיטאָגס. ביי זײַן אָנקומען האָבן פריינט פון די „פרייע אַרבעטער שטימע"־גרופּע אים אָפּגעוואַרט. מיר באַגריסן חבריש פריינט קאָרנהענדלער און זאָגן אים אַ ברוך־הבא.

☆ ☆ ☆

די באַקאַנטע אַקטריסע פעלאַ פעלד פון ישראל, וואָס ווײַלט איצט אין לאָנדאָן, טרעט־אויף אויף אַ יידיש־העברעאישן רעציטאַציע־אָוונט אינם אַנגלאָ־איזראַעל קלוב.

עס איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן די יערלעכע קאָנפערענץ פון די בריטישע סעקציע פון יידישן וועלט קאָנגרעס. דר. נחום גאָלדמאַן איז ספּעציעל געקומען צו פליען צו דער דיסקוסיע איבערן קאָנפליקט וואָס גייט אָן לעצטנס צווישן דער באָארד אָף דעפּוטיס און דעם קאָנגרעס.

ביי דער קולטור־דיסקוסיע האָט פריינט פּאָדאָלסקי גערעדט יידיש, ווי צו מאַניפעסטירן אַלס איינציקער רעדנער אין יידיש אויף אָט דער דאָזיקער קאָנפערענץ.

☆ ☆ ☆

דער באַקאַנטער זשורנאַליסט, ל. הערש, געפינט זיך אין פרינץ אָף וויילס האָספּיטאַל. מיר ווינטשן אים אַ רפואה שלימה.

☆ ☆ ☆

## רעדאַקציע נאָטיץ

דער אַרטיקל פון י. ל. פיין „די ׳באָארד׳ און דער יידישער וועלט קאָנגרעס" און די עסייען פון י. ה. לעווי „מלך ראַוויטש אַ בן ששים" און פון חנה קאַוואַ: „אַ באַזוך ביי מאַרק שאַגאַל", קומענדיקן חודש.
אויך יוסף פרענקעל׳ס סקיצע קומענדיקן חודש.

## די ווייטערדיקע יידיש ליטעראַרישע שבת נאָכמיטאָגס

(אין בערנאַרד באַראָן סעטלמענט, 33 בערנער סטריט, א.1. 3 אַזייגער)

שבת, 6־טן יאַנואַר, שלמה אויערבאַך: דאָס שאַפן פון שאול טשערניכאָווסקי.
שבת, דעם 13־טן, יחזקאל קאָרנהענדלער: די געשיכטע פון דער שטאָט פּאַריז.
שבת, דעם 20־טן, מאָריס מינדעל: דאָס יידישע לאָנדאָן אין די לעצטע 50 יאָר.
שבת, דעם 27־טן, הומאָר אין דער יידישער ליטעראַטור. עס באַטייליקן זיך: קייטי בראון, י. ביעטש, אייזיק גאָלדבערג און נעט רובין.



## לאָנדאָנער ידיעות (המשך)

די גוט באַקאַנטע סקולפּטאָרין פריידאַ ברילי‌אַנט, וועלכע האָט פאַרבראַכט צוויי יאָר אין אינדיע, האָט זיך איצט אומגעקערט קיין לאָנדאָן, ווו זי גרייט צו אַן אויסשטעלונג פון אירע קונסט־ווערק.

☆ ☆ ☆

אין בריטאָן האָט זיך געעפנט אַן אויסשטעלונג פון יידישע קונסט־בילדער פון אָנגעזעענע יידישע קינסטלער. ס׳זײַנען אויסגעשטעלט איבער 90 קונסט־ווערק.

☆ ☆ ☆

אין לאָנדאָן ווײַלט איצט דער דירעקטאָר פון דעם לערן־אינסטיטוט מדרשיה אין ישראל, ישראל סדן. ער איז אויפגענומען געוואָרן פון די לאָנדאָנער פריינט פון מדרשיה, וואָס גרופּירט זיך פון דער מזרחי אינטעליגענץ.

☆ ☆ ☆

דער גוט באַקאַנטער יידישער מאָלער, מייסטער פון גואַשן, זשאָרזש א. גאָלדקאָרן פון פּאַריז, וועט זײַן צו גאַסט אין לאָנדאָן, סוף חודש פעברואַר, אין שייכות מיט אַן אויסשטעלונג דאָ.

☆ ☆ ☆

אויף דער „סטודיע גרופּע" אויסשטעלונג דעם חודש אין בן־אורי באַטייליקן זיך צווישן אַנדערע מאָריס סאָכאַטשעווסקי, אַרנאָלד לערנער, עריק קאַהן, הענרי סאַנדערס, אַלפרעד האַריס א. אַ. צווישן די בילדער פון קאַלמאַן קעמענס איז דאָ אַ בילד „מאיר צעלניקער אַלס שיילאָק".

☆ ☆ ☆

חנה קאַוואַ, אַ שרייבערין און געזעלשאַפטלעכע טוערין פון פּאַריז ווײַלט איצט אין לאָנדאָן.

☆ ☆ ☆

די פרוי פון שרייבער י. ח. קלינגער האָט דורכגעמאַכט אַן ערנסטע אָפּעראַציע און געפינט זיך אין שפּיטאַל. מיר ווינטשן איר אַ רפואה שלימה.

☆ ☆ ☆

די פרוי פון אונזער מיטאַרבעטער, אליהו פּאָלושאַק, געפינט זיך אויף אַן אָפּעראַציע אין לאָנדאָן האָספּיטאַל. מיר ווינטשן איר אַ רפואה שלימה.

☆ ☆ ☆

די אַקטריסע אַננאַ ראַפּעל נעמט שטאַרק אויס אין גרענד פּאַליי טעאַטער מיט איר טשאַרם און ווירטואָזיטעט און דער אַקטיאָר מאַקס הילעבערג מיט זײַן טעאַטראַלער טראַדיציע אין זײַן שפּילן.

☆ ☆ ☆

דאָס לאָנדאָנער זינגער־ און אַרטיסטן־פּאָרל, סעם גאָלדבערג און אַלען ווינאָגראַד, טרעטן אויף מיט זייערע קאָנצערטן אין אַמעריקע מיט דערפאָלג. אויף אַן אָוונט פונם י. ל. פּרץ שרייבער פאַראיין האָבן זיי געזונגען לידער פון מרדכי געבירטיק און משה בראָדערסאָן.

☆ ☆ ☆

פּיניע גאָלדשטיין, דער באַליבטער קאָמיקער פון יידישן טעאַטער אין לאָנדאָן, איז צוריקגעקומען פון זײַן טור איבער דרום־אַפריקע און אַמעריקע. פּיניע גאָלדשטיין איז אויפגענומען געוואָרן אין דער חברים־גרופּע פון גרענד פּאַליי.

☆ ☆ ☆

## מזל טוב

מיר דריקן אויס אונזער אויפריכטיקע חברישע פרייד אונזער קאָלעגע **אברהם שולמאַן** און זײַן חשובער פרוי צום געבורט פון זייער טעכטערל. זאָל זי וואַקסן ביי זיי אין נחת און אין פרייד.

י. א. ליסקי, ש. י. האַרענדאָרף, א. נ. שטענצל.

---

לייענט די איינציקע יידישע וואָכנצייטונג אין לאָנדאָן
„די יידישע שטימע"

פריינט פון יידיש לשון

שבת, שושן־פורים, דעם 20־טן מערץ, 7.30

אין אַדלער האָל, אַדלער סטריט, א.1

אַ גרויסער פורים־באַל

פורים־שפּילער, מאַסקעס, אַ פורים־רב.

סערווירט: קרעפּלעך, המן־טאַשן, פּריטלעך.

משקה, שלח־מנות, טאָמבאָלאַ.

מיטן באַטייליקן זיך פון באַקאַנטע קינסטלער.

בילעטן 5 שילינג. נאָטירט דעם דאַטום: דעם 20־טן מערץ!

זונטיק אין בן־אורי

זונטיק, דעם 28־טן פעברואַר, 8 אַזייגער

אין 14 פּאָרטמאַן סטריט, 1.W

הומאָר און סאַטירע אין דער יידישער ליטעראַטור

מיט רעדעס באַטייליקן זיך: י. א. ליסקי, שלמה אויערבאַך, א. אַ.

רעציטירן: נעט רובין, י. ביעטש, רחל מירסקי. פאָרזיץ: א. נ. שטענצל.

מיר ווינטשן אַ רפואה שלימה אונזער פריינדין פרוי שטיינמעץ-מייזעלס, וועלכע געפינט זיך איצט נאָך אַן אָפּעראַציע אין פרויען־שפּיטאָל אין סאָהאָ סקוועער.

פריינט פון יידיש לשון

**LEYTON KNITWEAR CO. LTD.**

*MANUFACTURERS OF KNITTED GOODS & SPORTSWEAR*

IMPORT - - EXPORT

518 Lea Bridge Road - Leyton, London, E.10



*Published and Edited by* A. N. Stencl, 17 *Delamare Bldgs., Collingwood Street, London, E.1, and printed in England by The Narod Press,* 129-131 *Cavell Sreet, London, E.1*


166

# לשון און לעבן


חודש-זשורנאַל פאַר ליטעראַטור, טעאַטער, קונסט און קולטור

נומער 3 (העפט 170) פופצנטער יאָרגאַנג מערץ 1954 לאָנדאָן


רעדאַקטירט פון א. נ. שטענצל

אינהאַלט:


לכבוד פורים: 1. „יעמוד ליהודים"; 2. „יורדים" ...... ** 1

די טרופּע פונם גאָלדפאַדן טעאַטער מיט דוד פּינסקי, אין ישראל (פאָטאָ) 6

דער לאָנדאָנער פּאָג, מאָריס ווינטשעווסקי ...... מוזיק, חזן ברוך סמוס 6

צוויי פורים מעשות: 1. אַ ווייבערישער דיאַלאָג: יאָ פורים נישט פורים; 2. מיין דייוועלען פאַרגלוסט זיך צו שפּילן ויזתא ...... קייטי בראַון 7

שלח־מנות אויסגעטיילט פון שמואל ווהייט (לידער) ...... שמואל ווהייט 11

שלום משומד דער פורים שפּילער (דערציילונג) ...... משה דאָמב 12

מחיית עמלק, אַ היטלער־מאַסקע (לידער) ...... א. נ. שטענצל 15

„די באָרד" און דער ישראל וועלט קאָנגרעס ...... י. ל. פיין 18

אַ באַזוך ביי מאַרק שאַגאַל ...... האַננא קאַוואַ 21

גיי שוין, גיי (מיניאַטור) ...... פראַנץ קאַפקאַ 26

נעכטן און היינט (ליד) ...... בן־א סאָכאַטשעווסקי 27

דעם רבינס צענערל (דערציילונג, סוף) ...... י. ביעטש 28

צען סלאָיען (ליד) ...... רבקה קאָפּע 31

נאָר מיט אל־על ...... יוסף פרענקל 31

לאָנדאָנער ידיעות; מיטטיילונגען איבער די קומענדיקע שבת נאָכמיטאָגס 32



**פרייז 1 שילינג און 6 פּענס**

אַבאָנענט־פרייז: —19/6 פאַר אַ יאָר

אין אויסלאַנד: —5 דאָלאַר אַ יאָר

אַדרעס פון רעדאַקציע און אַדמיניסטראַציע: —

"LOSHN UN LEBN," 17 Delamare Buildings, Collingwood Street, London, E.1. England